זאַכצענטער יאָהר
№ 8
פּרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG“.
טשענסטאָכאָווער צייטונג
Piątek 19 lutego 1937
ליכט-צינדען 4.42
פרייטאג פ׳ תצוה ח׳ אדר תרצ״ז

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.
יעדען שבת א פּראַקטישע לעקציע פאר יודישער געזעלשאַפט. אַנהייב 8 אָוונט. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

אכטונג, בעלי-שמחות!
איך מאַך בעקאַנט, דאס איך נעם אָן פאַרצוברייטען אויף אַלערליי שמחות די בעסטע און שמאַקהאַפסטע מאכלים פאַר קליינער בעלוינונג
איטאַ לעווענבערג
יאַסקראָווסקאַ 9—5.

אַכטונג וויעלון!
דער שענסטער שלח-מנות
קאָסמעטישע אַרטיקלען
ווי: פּערפומען, קאַסעטען-באָמבאָניערעס, פּולווערזאַטאָרען אדגל.
לוקסוס-ביזשוטעריע
ווי: בראַנזאַלעטען, בראָשען אדגל.
עלעגאַנטע אַלבאַסטער-אויסאַרבייטונגען
אין דער פּערפומעריע
URODA
wł. H. SZAJA, Wieluń, Narutowicza 2.
בּיליגע פּרייזען. רעעלע בעדינונג.

האַלאָ וויעלון און אומגעגענד!
מיר מאַכען בעקאַנט, דאס פון 1-טען לוטי אָן קורסירט אונזער
לאַסט-אויטאָ אויף דער ליניע וויעלון-לאָדז-וואַרשא
און צוריק. מיר נעמען אָן אַלערליי זענדונגען צו קאָנקורענץ-פּרייזען
בעמערקונג: אונזער עקספּעדיציע אין לאָדז איז אויף פּולנאָצנאַ 29
אין וויעלון—אויף קר. פּאָרסטאַדט 19, וואַרשא—פראַנטשישקאַנער 20
געברידער מייעראָוויטש און לעאָן גאַלקאַ

יודען אין וויעלון!
אנשטאט בלומען אויף שמחות שיקט „בית-לחם“-פּאָווינשאָוואַניעס אין דער פאָרם פון ספּעציעל שעהן אויסגעפּאַרטיגטע קאַרטען צו דעם צוועק.
דערמיט וועט איהר בעעהרען די בעלי-שמחה און אויך אונטערשטיצען דעם „בית לחם“. צו בעקומען ביי פרוי ר. שאַיא, נאַרוטאָוויטשאַ 5 און ביי פרוי לאַסמאַן, אווגוסטיאַנסקאַ 9 אין וויעלון.

טליתים וואָלענע זיידענע
ט״ק, ציצית, קאַפּלען, גאַרטלען, מזוזות, ספרים, מדרש רבה מיט עברי-טייטש, חומשים, מחזורים, סידורים, העבראַישע לערן-ביכער א. א. וו.
בעמערקונג: איך קויף און פערקויף אַלטע ספרים.
פראַנטאָווע געוועלב
ב. יאַסעלעוויטשאַ 1

„BENETA“

אונזער פריינד ברוך אנשיל גאָלדראַט
אינ׳ם גרויסען צער צוליעב׳ן טויט פון זיין פרוי
ראַשקע נ״ע
אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
אברהם פאסאלסקי און פרוי



Najtaniej kupisz
MATERJAŁY BŁAWATNE
u I. WARMUNDA, KATEDRALNA 8 lewa of. parter
Przyjdź, a przekonasz się!

אונזער ג. פּרעזעס ה׳ ב. באַטשאַן און פרוי
צו דער התונה פון זייער ל. טאָכטער פראַנקאַ מיט ה׳ הערמאַן העלמאַן
ווינשען מיר, אַז ער זאָל זוכה זיין צו זעהען ביי זיי פיעל נחת און פרייד.
דעם יונגען פּאָר — א גליקליך און צופרידען צוזאַמענלעבען.
די פערוואַלטונג און מיטאַרבייטער
פון דער געז. „תומכי עניים“.
ביי דער געלעגענהייט שפּענדען מיר 40 קילאָ ברויט פאַר אונזער אינסטיטוציע.

א האַרציגען מזל-טוב צו דער התונה פון
פרל. פראַנקאַ באַטשאַן מיט ה׳ הערמאַן העלמאַן
ווינשט
די ווילנער אָפּערעטען טרופּע
נחמה, קדיש, חאש.

ברכות מאליפות למר דוב באַטשאַן ומשפחתו
לנשואי בתם מרת פראַדיל עם ב״ג מר חיים מאיר העלמאַן
יאחלו
משה אש ומשפחתו

דער פאַמיליע עליאַש אונזער האַרציגען מזל-טוב צו דער התונה פון
זייער טאָכטער פריידיל מיט ה׳ מאיר דראַזדזיק
דעם יונגען פּאָר — א גליקליכע צוקונפט
משה פּערעצאָוויטש, פרוי און זוהן.

צו דער חתונה פון פרל. פריידיל עליאַש מיט ה׳ מאיר דראַזדזיק
ווינשען מיר דעם יונגען פּאָר א בליהענדע צוקונפט און די עלטערן פיעל נחת און פרייד
יודל קאַסריל און פרוי.

פּייערלעשער-זאַל. ווילנער אָפּערעטען-אַנסאַמבל בראש מיט נחמה, קדיש, כאַש.
פרייטאָג, ד. 19, שבת, ד. 20 דה. 9 אָווענד
און 4 נאָכמיטאָג צו ביליגע פּרייזען
צוליעב׳ן גרויסען ערפאָלג צום 9, 10 און 11 מאָל דער גרעסטער שלאַגער פון סעזאָן
דער לעצטער טאַנץ
אָפּערעטע אין 3 אַקטען, 6 בילדער פון סיגאַל, מוזיק פון אַלשאַנעצקי.
נייע דעקאָראַציעס. אייראָפּעאישע אויסשטאַטונג. הערליכע מוזיק און געזאַנג.
בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוקעריי פון ה׳ באַטשאַן, אַלעע 6, פרייטאג פון 6 אָווענד און שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע.

קמח כשר לפסח
לוקסוסאָווע פון דער בעוואוסטער מיהל
ב. אַרמאַרניק אין קאָוועל, מיט׳ן הכשר פון הרב טווערסקי, קאָוועל,
איז צו בעקומען ביי דער פירמא:
מ. רוסאַק, קאַטעדראַלנאַ 8
בעמערקונג: דער הכשר וועט אויך זיין מיט דער הסכמה פון היגען ראַבינאַט.

צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון
נ״ע יצחק וואַליצקי
דריק איך אויס די עלטערן און געשוויסטער מיין טיפסטען מיטגעפיהל.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
יעקב לעוויט.

Z powodu przedwczesnego zgonu
b. p. Izaaka Wolickiego
długoletniego pracownika firmy Jakób Lewit
wyrażają pozostałym Rodzicom i Rodzeństwu szczere współczucie
Koledzy biurowi

את המנהל של הבנק אשר מנדלביץ
לרגלי חג הבר-מצוה של בנו זאב
מברך ברכת גידול וחינוך מזהיר
השלטון והמועצה
של הבנק קרדיטובי בוילון

אונזער ליעב אייניקעל וואָוועטשע צו זיין בר-מצוה
ווינשען מיר ער זאָל אויסוואַקסען א געטרייער שטאָלצער יוד
מען זאָל ביי איהם פיעל נחת דערלעבען
פסח און רחל מענדלעוויטש

מיין ברודערן-זוהן וואָוועטשע צו זיין בר-מצוה-פייערונג
ווינשען מיר גליק אין זיין לעבען, ער זאָל זיין א נוצליכער מענש פון דער
יודישער און וועלטליכער געזעלשאַפט
שלמה און ליבה מענדלעוויטש

לידידנו אשר מנדלביץ ורעיתו
לרגלי הג הבר-מצוה של בנם זאב ברכתינו חלבביות
יעקב שאַיאַ ורעיתו, שמואל שאיא ורעיתו

אונזערע פריינד פריידל און אשר מענדלעוויטש
צו דער בר-מצוה-פייערונג פון זייער זוהן וואָווע אונזערע האַרציגסטע ברכות
איהר זאָלט פון איהם פיעל נחת דערלעבען
משה אהרן מארעק און פרוי

ברוב נחת הננו מברכים את ידידנו אשר מנדלביץ ורעיתו
לרגלי בר-מצוה של בנם זאב
חיים דוב ניימן ורעיתו, פנחס גרשונוביץ ורעיתו.

ה׳ אשר מענדלעוויטש און פרוי
צו דער בר-מצוה-פייערונג פון אייער זוהן
פערנעמט מיינע הערצליכסטע וואונשען
דוד בער כלאַפּאַק

ברכתנו החמה לידידנו אשר מנדלביץ ורעיתו
לרגלי חגיגתם את חג הבר-מצוה של בנם זאב
גדלוהו לבן נאמן לעמו ולארצו
צבי וואָלמאַן ורעיתו, שרגא סקושיניא ורעיתו

אונזערע האַרציגסטע וואונשען דעם ה׳ אשר מענדלעוויטש און פרוי
צו דער בר-מצוה-פייערונג פון זייער זוהן זאב
יודל רינג און פרוי, אלי׳ קאָרן און פרוי

לחג הבר-מצוה של בנם זאב הננו מברכים את ידידנו אשר מנדלביץ ורעיתו
ברוב נחת וחדוה
משה פערעצאָוויטש ורעיתו, לייבוש קושעפיצקי ורעיתו,
נחמן שווארצבאַרד

פיעל נחת פון זייער זוהן צו זיין בר-מצוה-פייערונג ווינשען אונזערע
פריינד אשר מענדלעוויטש און פרוי
יצחק הערשבערג און פרוי, צבי שאיא און פרוי,
יצחק קוניאַרסקי און פרוי

ועד ההסתדרות הכללים בוילון מברך את חבר הועד אשר מנדלביץ ורעיתו
לרגלי הג הבר-מצוה של בנם,
שיזכו לגדלו לבן נאמן לעמו ולארצו.

את עורכנו אשר מנדלביץ ורעיתו
לרגלי חג הבר-מצוה של בנם
בברכת מזל-טוב לבבית מברכת
המערכת „וויעלונער צייטונג“.

פריידל ואשר
קבלו נא את ברכתנו הלבבית לרגלי חג הבר-מצוה של בנכם זאב.
רניה ויוסף שאיא.

בברכת ויתברכו בו... הננו מברכים את ידידנו וחברנו אשר מנדלביץ
לרגלי חג הבר-מצוה של בנם זאב.
איכל לאנדוי ורעיתו, מרדכי זיידלער ורעיתו,
מנדיל בעער ורעיתו.

גדא סבא לידדנו אשר מנדלביץ לחג הבר-מצוה של בנם זאב.
ירוו ממנו רוב נחת.
אהרן ליב אראנאוויטש ורעיתו, יחיאל עפשטיין ורעיתו,
שמואל זיינוועל בראדער און פרוי.

אונזער פריינד אשר מענדלעוויטש און פרוי צו דער בר-מצוה-פייערונג
פון זייער זוהן וואָווא פיעל נחת און פרייד ווינשען
משה קוניארסקי און פרוי, יחיאל מאיר דאווידאוויטש און פרוי,
אברהם פאקולא און פרוי.

את ידידנו מר אשר מנדלביץ ורעיתו לרגלי חג הבר-מצוה של בנם זאב
מברכים שירוו ממנו רוב נחת, שיהיה להם לגאון ולתפארת.
ליב ברקוביץ ורעיתו, אברהם דוד יאקובוביץ ורעיתו,
אברהם בעסער ורעיתו.

אונזער פריינד לייביש יאַקובאָוויטש
צו דעם תנאים-שרייבען פון זיין טאָכטער ביילע מיט ה׳ גדלי׳ שאַכמאַן (לאָדז)
ווינשען מיר א האַרציגען מזל-טוב און די פערלאַפטע א גליקליכע צוקונפט.
שמואל מרדכי מאַסקאָוויטש און פרוי, יחיאל גערשט און פרוי, וויעלון.

א האַרציגען מזל-טוב ווינש איך מיין שכן זלמן זשולטאַבראַצקי
צו דער תנאים פון זיין שוועסטער אסתר מיט ה׳ חיים יחזקאל וויען פון קעדזשין.
שמולעוויטש

„תומכי עניים“.

פערהאנען ביי אונז אין שטאדט א פאָפולערע געזעלשאַפט, וואס רופט זיך „תומכי עניים“. איהר אויפגאבע איז, ווי בעוואוסט, צו פערטיילען יעדען שבת חלות און ברויט פאַר די יעניגע, וועלכע קאָנען זיך אליין דאס נישט קויפען.

אזוי טרויעריג ווי ס'איז היינט ביי אונז יודען, איז אוודאי נאָך נישט געווען. שטעלט אייך פאָר, אז גאנצע פאמיליעס און דאס בכבוד'יגע, וועלכע האבען קיינמאָל נישט געוואוסט וואס ס'הייסט אָזוינס אויסשטרעקען א האַנד, קומען איצט צו געהן און מיט בלוט פון הארצען און טרעהרען אין די אויגען דערצעהלען זיי וועגען זייער אומגליק; זיי וואָלטען געזוכט גליקליך, ווען מען וואָלט זיי ארויפגעצויגען אויף דער ליסטע פון די פעטענטען, אז ווען ס'וועט קומען שבת, זאָלען זיי אויך געניסען פון א חלה און ברויט. גלויבט מיר—רעדען זיי ווייטער און דאס אַרץ וויינט זיי—אז דאס נעמען מיר נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אונזערע אונשולדיגע קינדערלעך, וועמעס צער מיר קענען נישט צוקוקען.

ווער ס'שטעהט פונדערווייטענס קאָן דאס גאַר נישט פערשטעהן און טראַכט זיך מסתמא: וואס פערדרעהען זיי דאָרט א קאָפּ מיט דעם „תומכי-עניים“, עס איז אזא אינסטיטוציע ווי אלע אינסטיטוציעס און פערטיג. זאָג איך אייך, רבותי, אז ניין! צופעליג האט זיך דער שרייבער פון די שורות יאָ בעקענט מיט דער טעטיגקייט פון דער אויבענדערמאנטער געזעלשאפט, זיך צוגעקוקט צו די יעניגע, וועלכע קומען געניסען פון די דאָזיגע פאָרציעס און ס'האט זיך דערביי ענטפלעקט דער גאנצער גרויל פון אונזער פער'חושך'דיג לעבען.

אוודאי וואָלט געווען אנדערש, ווען די יודישע געזעלשאפט וואָלט זיך בעצויגען צו אונזער דלות אויף א געהעריגען אופן; ווען די יעניגע יודען, וועלכע האבען אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, וואָלטען אויך נאָך דערצוגעוועהן יודען, יודען נישט בלויז מיט'ן מויל, וועלכע זאָלען בלויז רעדען מיט מליצה וועגען נאציאָנאַליזם, נאָר וואָלטען געוועהן אויך יודען מיט'ן הערצען און זיך בעמיהט צו בעשעפטיגען אָט די דאָזיגע פער'חושכ'טע אומגליקליכע ביי זיך אין די אונטערנעהמונגען. אָה, דאַן וואָלט זיך די לאַגע אינגאנצען געענדערט, דאַמאָלס וואָלט מען קיין „תומכי-עניים“ אינגאנצען נישט געדאַרפט. איז עס דאָך אָבער לײדער נישט אזוי, איז טאקי ביטער און פינסטער אונזער לעבען.

„תומכי-עניים“—איך מיין נישט מיט'ן דאָזיגען אויסדרוק דוקא די אינסטיטוציע, וואס רופט זיך מיט'ן דערמאנטען נאמען, נאָר אויך אלע אינסטיטוציעס, וועלכע פערנעממען זיך מיט העלפען די אָרימע.

יאָ, מיר האבען צופיעל אַזעלכע אינסטיטוציעס און אָפטמאָל ווערט דעם יודען נמאס, ווען מען קומט צו איהם פאָדערען נדבות אָמאָל פאַר דער אינסטיטוציע און באַלד פאַר א צווייטער, א דריטער אזוו. דאַרף מען אָבער געדענקען, אז מיר האבען א גרויסען חלק, אז מיר זענען א סך שולדיג אין דעם, וואס דאָס אָרימקייט איז אזוי גרויס צווישען אונזערע ברידער.

ביז דאמאלס אָבער, ביז די יודישע געזעלשאַפט וועט זיך ערנסט פערטראכטען וועגען איבעראַנדערשען די ביז-איצטיגע בעציהונג צום דאָזיגען פראָבלעם, דאַרף מען געדענקען, אז אינדערזעלבער צייט, ווען יעדער פון אונז זיצט נאָך ביי זיין טיש מיט זיין פאמיליע און גרייט ווי ס'איז נאָך אָן דאָס נויטיגסטע, ליידען הונדערטער יודישע פאמיליעס הונגער אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט און זייערע רייהען ווערען וואס אָמאָל אַלץ גרעסער.

אונזער שטרעבונג דאַרף זיין, אז די דאָזיגע אינסטיטוציעס זאָלען אונטערגעהן, פערשוואונדען ווערען, מעהר נישט נויטיג זיין, און כל זמן זיי עגזיסטירען, מוז מען זיי אונטערשטיצען.

ש.

מיאוס'ער דורכפאַל פון אַנ'אַנטיסעמיטישער פרוי

מיינענדיג, אז ער איז א יוד — צושלאָגען א פאָליציי-פּזשאַדאָוניק.

דעם 29-טען פּאָזשדזיערניק פ.י. האט דער אַגענט פון דער אויספאָרשונגס-פּאָליציי וועסאָלאָווסקי פערהאַלטען אין דער גאַס א געוויסען יודישען יונגענמאַן, וועלכער איז געוועזען פערדעכטיג אין קאָמוניסטישער טעטיגקייט. דער יונגערמאַן האט פראָטעסטירט געגען דעם בלומרשט גישט-ריכטיגען ארעסט און אויף א נישט-דערלאַזבארען אופן געשטעלט א ווידערשטאַנד דעם פּאָליציי פונקציאָנאַר.

די געגנער האבען זיך גענומען אַמפערן, אבער סוף כל כוף האט געזיעגט דער אַגענט און דעם יונגענמאַן אַרעסטירט.

די דאָזיגע סצענע חאט צופעליג בייגעוואוינט א געוויסע כּהאַניסלאַווא וואָלנאַ און פּלוצים געמאַכט אַנ'אַלאַרם, אז א יוד שלאָגט א קריסט. כּדאי צוצוגעבען, אז דער פּערהאַלטענער יודישער יונגערמאַן זעהט אויס ווי א הונדערט פּראָצענטיגער אריער, דאַגעגען פּזשאַדאָוניק וועסאָלאָווסקי האט זיך אויסגעוויזען דער פרוי וואָלנאַ אלס א יוד. אין שטעלענדיג זיך אין פערטיידיגונג פונ'ם בעעולה'טען קריסט האט פ"וי וואָלנאַ זיך געוואָרפען אויפ'ן פערשטעהער פון דער מאַכט און געגומען זיך מיט איהם אַמפערן.

דער עפּילאָג פון דעם דאָזיגען כאַראַקטעריסטישען פאַל האט זיך אָבגעשפּילט אינ'ם קרייז-געריכט, וואו די אַנטיסעמיטישע פרוי וואָלנאַ איז פער'משפט געוואָרען אויף 1 חודש ארעסט מיט אָבלעגען פון אויספיהרען די שטראָף אויף 5 יאָהר.

3 יאָהר תפיסה פאַר ערמאָרדען זיין פרוי און פערוואונדען איהר געליבטען.

דעם 7 דעצעמבער 1936 האט אויפ'ן הויף פּולאָסקי גאס 92–88 זיך אָבגעשפּילט א בלוטיגע סצענע, וועלכע האט דערנאָך געפינען א ברייטען אָבקלאַנג צווישען די היגע איינוואוינער. מיט 18 מעסער וואונדען האט וולאדיסלאוו בערנאַרעק ערמאָרדעט זיין פרוי, מעלאַניאַ.

נעכטען איז דער דאָזיגער בלוטיגער מערדער, וועלכער האט אויסערליך א סימפּאַטישען אויסזעהן, געמשפּט געוואָרען דורכ'ן היגען קרייז-געריכט. דער בעשולדיגונגס אַקט זאגט, אז ווערענדיג ערמאָרדען זיין פרוי, האט בערנאַרעק איהר געמאכט 18 מעסער וואונדען און דאַן מיט'ן זעלבען ציעל געמאכט 14 שווערע וואונדען בראָניסלאוו פּאַריזעל'ן. נאָכ'ן דערמאָרדען זיין פרוי האט בערנאַרעק געזאָגט צו זיין אָנגעקומענעם הויז-ווירט: „געגעבען איהר 12 מעסערס און פערטיג“, און אין געוועלב צו זיין פעטער האט ער געזאגט: „מיט איינער האב איך שוין געענדיגט און איצט געה איך מאכען א סוף מיט'ן צווייטען“.

ווען בעדנאַרעק איז אריין צו פּאַריזעל'ן אין געוועלב האט ער זיך געהייסען געבען א פלאַש בראָנפען, מיט וועלכער ער האט איהם דערלאַנגט איבער'ן קאָפּ און דאַן מיט'ן זעלבען מעסער, וואס ער האט ערמאָרדעט זיין פרוי, געמאכט פּאַריזעל'ן עטליכע וואונדען.

בערנאַרעק איז זיך מודה צום בעגאַנגענעם פערברעך, ערקלערענדיג, אַז דאס האט ער געטהון אויס נקמה צו זיין פרוי, וועלכע האט פערנאַכלעסיגט איהרע פליכטען און זיך געטראָפען מיט איהר געליבטען. דערביי האט ער דערצעהלט זיין גאַנצע לעבענס געשיכטע.

נאָכ'ן אויסהערען די רעדעס פון די צדדים האט דאס געריכט ארויסגעטראָגען דעם אורטייל, לויט וועלכען בעדנאַרעק איז פער'משפט געוואָרען אויף 3 יאָהר תפיסה.

אין די מאָטיווען האט דאס געריכט ערקלערט, אז דער מילדער אורטייל איז געשטיצט אויף דער מיינונג פון די פסיכיאַטערן וועגען בעדנאַרעק'ס נערוועזיטעט.

קליינינקייטען

ניין, דאס איז נישט קיין מיטעל...

די יודישע סטודענטען אויפ'ן ווילנער אוניווערזיטעט האבען אויף די נגישות מצד די כוליגאנישע סטודענטען געענטפערט מיט א הונגער-שטרייק.

דאס האט געזאָלט זיין א פראָטעסט געגען די חיה'שע ארויסטריטען פון זייערע „נאָבעלע קאָלעגען“.

דער הונגער-שטרייק איז לעצטענס געוואָרען זעהר מאָדערן און כמעט שטענדיג ווען ער ווערט אָנגעווענדעט, האט ער זיין ווירקונג.

ווער ס'איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געפאַלען אויף דער המצאה פון הונגער-שטרייק, איז נישט קלאָר; א פאַקט איז אָבער, אז דאס איז א ווירקזאַם מיטעל און טרעפט אין ציעל.

אזוי האט ערקלערט אַ הונגער שטרייק דער אינדישער רעוואָלוציאָנער גהאַנדי, בעת ער איז געזעסען אין דער ענגלישער תפיסה. די ענגלישע רעגירונג האט זיך דאַמאָלס טאַקי דערשראָקען און איהם אַרויסגעלאָזט פריי. אויך די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זענען געפיינינגט געוואָרען אין די צאַרישע תפיסות, האבען פון צייט צו צייט ערקלערט הונגער-שטרייקען און דאס האט בעוויזען, אז מען זאָל זיי פערלייכטערען דעם תפיסה רעזשים.

אזוי טרעפט מען בסדר זיך אָן אויף הונגער-שטרייקען, וועלכע זאָלען זיין א פראָטעסט געגען די מענשליכע ליידען און אומויסטע פּיין.

אונזערע יודישע סטודענטען, וועלכע מאכען איצט אדורך א שווערליכע אינקוויזיציע, האבען אויך אין א מאָמענט פון דער גרעסטער פערצווייפלונג זיך אָנגעכאַפּט אין דעם אלטען אויסגעפּרובטען מיטעל און ערקלערט א הונגער-שטרייק אין משך פון א מעט לעת. זיי האבען געוואָלט דערמיט אויפרודערען דאס וועלט געוויסען, וואס איז לעצטענס איינגעשלאָפען און איז גלייכגילטיג צו מענשליכע און איבערהויפּט צו די יודישע צרות.

אויב די יודישע סטודענטען טראַכטען, אז מיט הונגער-שטרייק האבען זיי טאַקי עפּעס אויפגעטהון, האבען זיי א גרויסען טעות. די סטודענטען זענען נאָך יונג און נאַאיוו; זיי גלויבען נאָך אין מענשליכען געוויסען, האבען זיי געמיינט, אז זיי האבען געשאַסען דעם האַז. ניין, ליבע קינדער, מעגליך, אז ביי אלע אנדערע קאָן א הונגער-שטרייק עפּעס נאָך האבען א ווירקונג, אָבער איהר זענט דאָך יודען, טאָ וואס קאָן עמיצען אַהרען, אז איהר מאכט זיך פ"אָטעסט דעמאָנסטראַציעס. פערקעהרט, דאס קאָן נאָך האבען א געגענ-ווירקונג, ווארום, וואס ס'איז ערלויבט אלע מענשען פון דער גאַנצער וועלט, איז פערבאָטען אונז יודען.

איבריגענס, קאָן קיין הונגער-שטרייק פון יודישע יונגע לייט קיינעם נישט ארויספיהרען פון גלייכגעוויכט, ווארום אָט האט איהר הונדערטער טויזענדער יודען, וועלכע הונגערען נישט נאָר בלויז 24 שעה, נאָר גאַנצע וואָכען, חדשים און פונדעסטוועגען אַרט עס קיינעם נישט. פערקעהרט, זיי זענען אונזערע „פ"יינד“ צופיעל אין די אויגען, און ווען דעם. רובינשטיין האט אין סיים געשילדערט די לאַגע פון הונדערטער טויזענדער יודען אין פּוילען, וועלכע דערהאַלטען קויים די נשמה אין גוף, האבען זיך דערהערט צווישענרופען, דאס איז אויך צופיעל...

אָה, ווען הונגער-שטרייקען זאָלען קאָנען פעררעכטען אונזער מערכה, וואָלטען מיר שוין לאַנג געהאָלפען געוואָרען, ווארום ווער נאָך ווי מיר יודען צייכענען זיך אויס מיט הונגערען; און אפשר פערקעהרט—טאַקי דערפאַר, ווייל מיר האבען בעוויזען אלעמען, אז מיר זענען גלייכגילטיג צו הונגערען, מאַכט שוין קיין יודישער הונגער-שטרייק אויף זיי נישט קיין ווירקונג...

ליבע יודישע סטודענטען! ביי מיין גאַנצער סימפּאַטיע צו אייך, מוז איך אייך זאגען, אז מיט הונגער-שטרייקען וועט איהר גאָר נישט אויסטהון. וואס דאַרפט איהר מעהר—אָט וועל איך אייך בעווייזען, אז נישט בלויז ביי פּרעסע קאָן נישט האבען קיין פעולה דאָס, וואס מיר הונגערען, נאָר אפילו אויף אייגענע, זאָל מען זאגען אויף די יודישע פאַבריקאַנטען, מאכט אויך נישט קיין איינדרוק, וואס הונדערטער פון זייערע ברידער הונגערען און פונדעסטוועגען געבען זיי זיי נישט קיין ארבייט, נו, האט איהר געוואָלט דאָרט מיט עפּעס א הונגער-שטרייק'ל פון 24 שעה אויף עמיצען ווירקען. נישט געטראָפען דאס אָרט, ניין, דאס איז נישט קיין מיטעל...

עקספּראָפּריאַציע...

דער קול קורא, וואס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון ראַבינאַט, אז אלע שטיבלעך אָדער יחידים, וועלכע האבען ביי זיך ספרים, וואס געהערען צום בית המדרש, זאָלען אונטער אַנ'איסור אָבגעבראַכט ווערען צוריק, האט נאָר געהאַט א טיילווייזע ווירקונג. מאָג טעגליך ברענגען יחידים אָב ספרים, די גרויסע מערהייט אָבער מאכט זיך דערוויל גאָרנישט וויסען.

די ראַדאָמסקער בחורים, וועלכע האבען נאָך נישט מסכים געווען צו קומען אין בית המדרש אריין, נאָר לערנען באַדיי אין דעם ענגען ראַדאָמסקער שטיבעל אויף דער וואַרשאַווער גאַס, האבען אויך ביי זיך בעהאַלטען א שלל מיט בית-המדרש ספרים, וועלכע זיי האבען, טראָץ אלע אויפפאָדערונגען, נישט געוואָליז ארויסגעבען.

די בית המדרש בחורים האבען אָבער נישט געקאָנט איינרוהען. זיי האבען דוקא געוואָלט, אז די ספרים, וועלכע געפונען זיך אונטער'ן שלאָס ביי די ראַדאָמסקער, זאָלען צוריקקומען אויף זייער אייגענטליכען פלאַץ, איבערהויפּט, אז צווישען די דאָזיגע ספרים, זענען פערהאַנען יקר המציאות'ן, האבען די פּיפיגע בית-המדרש-בחורים אָב געוואַרט אויף א גינסטיגע געלעגענהייט, וועלכע האט זיך זיי געמאכט טאַקי די וואָך.

געווען איז עס בעת דער לויה פון ר' ישראלקי טשענסטאָכאָווסקי, וואוהין ס'זענען אַוועק די ראַדאָמסקער בחורים, דאס האבען אויסגענוצט די בית-המדרש בחורים, וועלכע זענען אַוועק אין ראַדאָמסקער שטיבעל און מיט פערשידענע כלי מכשירים איז זיי געלונגען צו עפענען די פערשלאָסענע שענק און אָבצונעמען אַנ'ערך 30 ספרים, וואס האבען געהערט צום בית המדרש.

די ראַדאָמסקער בחורים, קומענדיג צוריק און זעהענדיג, אז מען האט זיי געמאַכט שוואַרץ-שבת, האבען אַרגאַניזירט א באַיובקע און אַוועק אין בית המדרש צוריק אָבנעמען די ספרים. דאָרט אָבער האט, מען זיך פון זיי אויסגעלאַכט און מען האט זיי געגעבען א ברירה: אָדער זיי זאָלען קומען לערנען אין בית המדרש אריין אָדער זיי זאָלען זיצען ווייטער אין ראַדאָמסקער שטיבעל און זיך קויפען אייגענע ספרים און נישט לערנען אין גע'גזל'טע ספרים.

די ראַדאָמסקער קאָנען זיך אָבער נישט בערוהיגען און האלטען, אז דערמיט וואס מען האט ביי זיי צוריק אָבגענומען די גע'גנב'עטע ספרים, האט מען זיי גאָר בע'עולה'ט. און זיי רופען אָן דעם טהאַט מיט'ן נאָמען: עקספּראָפּריאַציע...

איז זיך געקומען אַ מגיד'ל זאָגען א דרשה...

אַמאָל איז דאס מגידות געווען פערבינדען מיט אַ געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, ווי, למשל, אַ משולח פון אַ ישובה, וועלכער איז געפאָהרען צוזאַמענעמען געלד, האט אין יעדער שטאָדט דערוויל געהאַלטען אַ דרשה; היינט אָבער איז דאָס מין מגידות געוואָרען א ריין-פערזענליכער פרנסה-ענין.

אַ פערצייטישער מגיד האט געמוזט אַליין זיין אַ הייס-רעליגיעזער יוד און זיינע מוסר-רייד זענען געווען דברים היוצאים מן הלב. אַ היינטיגער מגיד דאַרף דאָס אויך נישט זיין... ער דאַרף נאָר קאָנען די קונץ פון רעדען, ער דאַרף קאָנען געפעלען דעם עולם, ער מוז זיי קאָנען ווילען און זייט זיכער, אַז ער וועט האבען ערפאָלג.

ביי אַזעלכע מגידים איז נישט וויכטיג וואס ער רעדט, נאָר ווי אַזוי ער רעדט, און טאמער קען ער די מלאכה, איז וואויל צו איהם, וועט ער שוין מאכען די פּאָר גראָשען.

אַזאַ מין מגיד האט די וואָך געווײלט ביי אונז אין שטאָדט און גאַסטראָלירט אין שטאָדטישען בית המדרש.

באַלד ביי זיין אָנקומען, האָט ער צוערשט אויסגעפאָרשט דעם טשענסטאָכאָווער באָדען, געשמועסט מיט מענשען, זיך אויסגעפרעגט אויף די כלל-טהוער, אויף די דאָזאָרעס א. ד. גל. און ערשט שפּעטער האט ער אָנגעהויבען זוכען אַ פּלאַץ פאַר זיין מגידות; ענדליך האט ער זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן שטאָדטישען בית המדרש.

אויף שבת נאָכמיטאָג האט ער מודיע געווען וועגען זיין ערשטען אויפטריט, צו וועלכען ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם. אז ס'קאָסט נישט קיין געלד — מהיכא תיתא. און אונזער דעביוטאַנט האט געשיט וויצען און גלייכווערטלעך, מיט געזאַנג און טענץ, אַזוי אז דעם עולם איז עס שטאַרק געפעלען געוואָרען. אונזער חבירה מאַן, זעהענדיג, אַז ער האט אַריינגעשאָסען, האט ביים סוף פון זיין דרשה געהאַלטען אַ ספּיטש, אז דאס היינטיגע רעדען איז נאָר אַ הקדמה און אז צומאָרגענס זונטאג וועט ער ערשט רעכט דערלאַנגען די אמת'ע סחורה, אָבער דער עולם מוז זיין אַזוי ליבענסווירדיג און אויסקויפען בילעטען צו 20 גראָשען.

אונזערע יודען טאַקי זענען שטאַרקע אנהענגער פון א גוטען מגיד, אויב ס'קאָסט נישט קיין געלד; דאַרף מען אָבער אויסקויפען אַ בילעט, מעג עס זיין צו 20 גראָשען, האבען זיך שוין נישט געפונען קיין בעלנים. איבריגענס, האבען זיי שוין געהערט שבת אָהן געלד. האט דער מגיד טאַקי זונטאג נעבּיך געדרש'נט פאַר ליידיגע ווענט. זעהענדיג, אז ער איז אַריינגעפאַלען, האט ער בעשלאָסען אויף מאָנטאג צו מאכען פרייען איינטריט. אלא וואס דען — ביי דער טהיר וועט שטעהן אַ טעלער און יעדער צוהערער וועט אַריינוואַרפען כנדבת לבו. דאס דרש'ענען מאנטאג איז איהם אפילו נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווייל די בחורים האבען געטענה'ט, אַז מיט זיינע מעשות איז ער מבטל תורה, אָבער דער גבאי ר' איטשע איז דעם מגיד געקומען צו הילף און אויך מאָנטאג האט ער געהאַט אַנ'אויפטריט.

אין בית המדרש געפונען זיך אַ הונדערט צוהערער, אויך אין די עזרת-נשים זענען פערהאַנען עטליכע צענדליג ווייבער און אויף דער בימה שטעהט דער מגיד איינגעהילט אין טלית און מאכט זיין פּאַרטראַג.

דעם אמת זאָג איך אייך, אז דער דאָזיגער יוד, וואס רופט זיך אַן מגיד, איז זעהר אַ פעהיגער. ער קאָן די מלאכה זעהר גוט. ער איז אַ גוטער רעדנער, אַ דעקלאַמאַטאָר און אויך אַ זינגער. ס'טרעפט, אַז בעת זיין מאָנאָלאָגירען, דאַרף ער דערצעהלען ווי אַזוי יענער האט געזינגען, דערהערט זיך באַלד אַ געזאַנג וואס צוגעהט זיך אין אלע אברים. אויך אימיטירט ער נאָך זעהר גוט, ווי אַזוי יענער רעדט; מיט איין וואָרט — ער איז אַנ'ארטיסט אין פולען זין פון וואָרט.

ווען איך האב אויף אַ מינוט צוגעמאכט די אויגען און זיך צוגעהערט צו דער דרשה, האט זיך מ'ר אויסגעדאַכט, אַז איך הער אַ יאַסעלע קאַלאָדני, אַ מיכל גיבסאָן אָדער אַ דזשיגאַן, און אפילו דאַמאלס, ווען איך האב געעפענט די אויגען און דערזעהן דאס יודעל מיט'ן בערדיל, האב איך אויך געהאט דעם איינדרוק, אַז דאס איז אַנ'ארטיסט, וועלכער האט זיך פערקליידט און אָנגעטהון אַ בערדיל.

רבותי, האט נישט אויף מיר קיין פּאַראיבעל פאַר דעם פערגלייך, אָבער איך בין זיכער, אַז נישט נאָר איך, נאָר אויך אַנדערע, וועלכע האבען אַ חוש המישוש, האבען אויך געהאט דעם זעלבען איינדרוק.

נאָר גאָרנישט. יודען דאַרפען פרנסה, טאָ וואס איז אַ חילוק אויף וואס פאַר אַנ'אופן מען בעקומט זי אַרויס.

איז זיך געקומען אַ מגיד'ל זאָגען אַ דרשה...

סמאָל

אנטיסעמיטיזם

פון ש. ניגער

עס איז פערעפענטליכט געווארען אנ'אינטערעסאנטע טאבעלע וועגן דער לאגע פון יודען אין פערשידענע לענדער פון אייראפע, אבער מיר קאנען עפיס לערנען פון דעם דאזיגען סך-הכל אויך וועגן אמעריקע.

מיר דערוויסען זיך, אז אנטיסעמיטיזם איז געווארען א געפאהר אדער — ערגער נאך — סכנות נפשות נישט אין גאנץ אייראפע, נאר אין בעשטימטע טיילען איהרע — אין יענע לענדער, וועלכע זענען האלב חרוב עקאנאמיש און וועלכע זענען (אפשר טאקע דערפאר) פאשיזירט אדער האלב-פאשיזירט געווארען.

אין פראנקרייך, אין ענגלאנד, אין טשעכאסלאוואקיי, אין בעלגיע, אין האלאנד, אין דענעמארק און אין ענהליכע דעמאקראטישע מדינות „געניסען יודען פרייהייט און גלייכהייט“, לויט דעם אויסדרוק פונ'ם אויספארשער.

איז עס דערפאר, ווייל דארט איז נישטא קיין יודען האס? אין טשעכאסלאוואקיי אדער אין האלאנד איז פרעדיגען ראסען-דיסקרימינאציע פערווערט פון געזעץ. ווען עס זאל נישט זיין, ווער עס זאל פרעדיגען, וואלט מען עס נישט געדארפט פערבאטען. אין ענגלאנד רעדט מען אויך שטארק וועגען געזעצגעבערישע מיטלען געגען אנטיסעמיטיזם און אנדערע פארמען פון ראסען-פראפאגאנדע. א סימן, אז זיי עקזיסטירען. און מיר דא פון אייגענטליך נישט קיין סמנים, מיר וויסען, אז עס זענען דא גענוג שונאי ישראל אין ענגלאנד, אין פראנקרייך, אין טשעכאסלאוואקיי און אין אנדערע, מעהר אדער ווייניגער פרייהייטליכע לענדער. פאליטישע פרייהייט איז נישט גענוג אויסצולעשען די פייערען פון שנאה. פערקעהרט, וואו יעדער מעג רעדען און שרייבען וואס ער וויל, לאזען הערען זייער שטים אויך די וואס זייער ווארט איז סם. וואו עס איז דא פרייהייט פון פראפאגאנדע, נוצען עס אויס אויך די, וועלכע האבען פרייהייט. א דעמאקראטיע איז אנדערש פון מלוכות, וואו עס הערשט פאשיזם, נישט דערמיט, וואס זי האט נישט קיין אנטיסעמיטען, נאר דערמיט, וואס זי לאזט זיי נאר בילען נישט בייסען.

די פראגע פון אנטיסעמיטיזם אין אייראפע איז נישט די פראגע פון אנטיסעמיטען. אנטיסעמיטען זענען דא אומעטום, אבער נישט אומעטום האבען מיר מורא פאר זיי, נישט אומעטום קאנען זיי אונז שלעכטס טהון.

עס זענען געוועזען גענוג המנ'ס אין דייטשלאנד פאר היטלער'ן אויך, אבער אנ'אמת'ע געפאהר זענען זיי געווארען ערשט דאן, ווען זיי זענען געקומען צו דער מאכט, און געקומען צו דער מאכט זענען זיי, ווען זי איז פערכאפט געווארען פון דער בארבארישער שאוויניסטישער דעמאגאגיע.

דאס איז א פאקט, וואס איז אלעמען גוט בעקאנט, אבער נישט אלע מאכען מיר פון איהם דעם ריכטיגען אויספיהר. און דאס איז באמת א וואונדער, עס וואלט געדארפט זיין קלאר, אז אויב די סכנה ליגט נישט אין דעם עצם אנטיסעמיטיזם, נאר אין די, וועלכע נוצען איהם אויס צוליב זייער קאמף פאר מאכט. — וואלט אונזער גאנצע ווידערשטאנדס-קראפט געדארפט זיין געווענדט געגען זיי, נישט געגען איהם... נישט די מויז גנבעט, נאר די לאך“... מיר וואלטען געדארפט זעהן פערשטאפען די לעכער, וואו די שונאים געפונען שוץ פאר זיך. מיר וואלטען געדארפט זוכען אבצושוואכען אונזער פיינד מעכטיגע פריינד. ס'זאל נישט זיין ווער ס'זאל אויסנוצען פאר זיינע פינסטערע צילען, עס זאל נישט זיין ווער ס'זאל זיי שיצען.

אהן דעם שוץ פון א בעשטימטע רעגירונגס סיסטעם, אהן דעם מאכט-האבענדיגען נאציזם אדער פאשיזם, זענען זיי נאר א מאראלישע אנשיקעניש, נישט קיין מאטעריעלע, און מאראליש איז סיי-ווי דער קאמף געגען אנטיסעמיטיזם אנ'אומזיסטע טרחא, אנ'ארויסגעווארפענע ארבייט. מען קאן נישט אויסראטען קיין געפיהלען מיט שכל'דיגע רייד. געגען פאראורטיילען העלפען נישט קיין פאקטען. אנ'איינרעדעניש איז ערגער ווי א קרענק: מען קאן עס נישט היילען.

נישט היינט און נישט נעכטען ערשט האבען זיך אנגעהויבען שיטען אויף אונז יודענפיינדליכע בלבולים, מיר הערען זיי שוין טויזענדער יאהרען, מיר הערען זיי זינט מיר עקזיסטירען אויף דער וועלט. פרעה מלך מצרים האט זיי שוין בענוצט קעגען אונז, און דער אמת איז, אז מיר ווערען שוין לאנג נישט נתפעל פון זיי וואס בעסער עס איז אונזער נאציאנאלער זכרון, אלץ ווינציגער בעמיען מיר זיך צום הארצען, וואס די המן הרשע'ס רעדען און שרייבען, פארצייטיגע פרומע יודען זענען געווען געשיקט, וואס זיי האבען אויסגעמיטען ארייינצולאזען זיך אין וויכוחים מיט די שונאים. זיי האבען געוואוסט, אז דערפון קאן ארויסקומען נאר שאדען פאר יודען, נישט קיין נוצען...

אין קיין לאנד איז „אבוועהר דעם אנטיסעמיטיזמוס“ נישט געווען אזוי שטארק ענטוויקעלט, ווי אין דייטשלאנד. אין קיין שפראך עקזיסטירט נישט אזא רייכע אפאלאגעטישע ליטעראטור, ווי די, וואס מיר האבען אין דייטשלאנד האט'ס געהאלפען?

ניין, דעם אנטיסעמיטיזם, ווי א געפיהל, קאן מען נישט בעקעמפען—און עס איז אויך גארנישט אזוי שטארק נויטיג. נישט דער אנטיסעמיטיזם איז געפעהרליך פאר אונז, נאר די סאציאלע און פאליטישע ארדנונג, וועלכע נויטיגט זיך אין א שעיר לעזאזל און וועלכע זעהט אין דעם יודען האט א מישעל צו מאכען אונז פאר אט דעם שעיר לעזאזל.

די פאשיסטישע אידעאלאגיע איז נייע און אויבענאויפיג. זי האט א סך שוואכערע ווארצלען ווי די פסיכאלאגיע פון אנטיסעמיטיזם; זי האט נישט קיין טראדיציע, בעת פרעמדקייט אדער פיינדליכקייט צו יודען זאפען אין זיך איין א סך מיט דער מוטער'ס מילך. איז לייכטער אבצושוואכען אין א מענשען די נייגונג צו פאשיסטישער דיקטאטור ווי די אנטיפאטיע צו יודען.

דערמיט וויל איך זאגען, אז מען דארף זיין גלייכגילטיג צום אנטיסעמיטיזם און אז מען דארף נישט זוכען קיין מיטלען אבצושוואכען זיין ווירקונג און צו שאפען א געגענגיפט געגען דעם גיפט פון זיינע הצרעס, ניין, מיר קאנען נישט זיין אינדיפערענט צו אונזערע שונאים, מיר קאנען זיך נישט פערגינען וואס אונזערע עלטערן האבען זיך אפט פערגינען: זיי האבען געלעבט אין געטא, זיי זענען געווען אבגעזונדערט פון דער נישט יודישער וועלט, מיר זענען מעהר נישט איזאלירט. מיר קומען אין טאג-טעגליכער—און נישט נאר געזעלשאפטליכער—בעריהרונג מיט אונזערע שכנים; מיר האבען מיט זיי א סאציאלען און קולטורעלען קאנטאקט. קאן אונז נישט זיין אלץ איינס, וואס די אדער יענע פון זיי טראכטען וועגען אונז אדער טראכטען אויס אויף אונז. מיר מוזען ענטפערען אויף די בלבולים. מיר מוזען פיהרען א סיסטעמאטישע אויפקלערונגס-ארבייט. דאס איז א מאראלישער און פסיכאלאגישער מוז. אבער—מיר מוזען וויסען וואו די אמת'ע געפאהר ליגט, און זי ליגט נישט אזוי אין דעם, וואס מען רעדט אויף אונז, ווי אין דער שטרעבונג איינצופיהרען אזא סיסטעם, וועלכע זאל געבען די אנטיסעמיטען א מעגליכקייט איבערצוגעהן פון רייד צו מעשים. קעגען אט דער שטרעבונג מוז מען קעמפען.

א. ארליצור.

דער נאציאנאלער בודזשעט

דאס יאהר תרצ"ו קען בעטראכט ווערען „אלס נאך א יאהר פון פינאנציעלער קאנסאלידאציע פאר'ן „קרן-היסוד“. דער אויפבוי-פאנד האט געמאכט וויכטיגע פארטשריט צו דער דערפילונג פון זיינע שטאטליכע בודזשעט אויפגאבען.

דער קרן-היסוד-בעריכט, וואס איז נישט לאנג פערעפענטליכט געווארען, ווייזט אז די נעטא הכנסות פון הויפט-ביורא פון קרן-היסוד אין תרצ"ו האבען בעטראפען 312 013 פונט געגען 271.111 פונט הכנסה אין תרצ"ה, ד. ה. א שטייגערונג פון 15 פראצ. בערך.

אין יאהר תרצ"ד האבען די הכנסות פון הויפט ביורא בעטראפען 257.184 פונט נעטא. די הכנסות פון קרן היסוד, אלזא, געפונען זיך פון יאהר תרצ"ד אן אויף א כסדר שטייגענדער ליניע.

אין תרצ"ה האט דער קרן היסוד דערהאלטען די הלוואה פון א האלבען מיליאן פונט פון איינער פון די גרויסע בענק אין לאנדאן. די דאזיגע הלוואה האט פיעל געהאלפען דעם קרן-היסוד צו פערפעסטיגען די פון איהם אויסגעפיהרטע ווערק און האט געהאט א גוטע השפעה אויף די בודזשעט-איינארדנונגען פון דער יודישער אגענץ, פאר וועלכע דער קרן היסוד דינט אלס דער איינציגער פינאנציעלער אינסטרומענט.

דער סכום פון 312.013 פונט האט זיך בעקומען פון פאלגענדע לענדער: פון אייראפעאישען קאנטינענט 89.564 פונט (28,7 פראצ.), פון אמעריקאנער פעראייניגטע שטאטען 76 416 פונט (24 5 פראצ.), פון דרום-אפריקע 48 145 פונט (51,7 פראצ.), פון ענגלאנד 21.944 פונט (7 פראצ.), פון ארץ ישראל 20.180 פונט (6,4 פראצ.), און דער איבעריגער סכום — פון די אנדערע לענדער און פון פאנדען פאר בעשטימטע צוועקען. מען דארף נישט פערגעסען, אז תרצ"ו איז געווען א יאהר פון פאליטישער און עקאנאמישער נויט פאר די יודישע קבוצים אין גלות. און די געשעהענישען אין ארץ-ישראל, וואס האבען זיך געצויגען 6 חדשים, האבען אין א געוויסער מאס געשטער'ט דעם קרן-היסוד זאמלונג אין לאנד, ווייל דער ישוב איז איינגעפאדערט געווארען בייצושטייערען פאר דער אקציע „עזרה ובצרון“ און ער האט אויך גענומען אויף זיך דעם גרעסטען טייל הוצאות אין פערבינדונג מיט די פליטים און מיט דער שטיצע פאר די וואס האבען געליטען פון די געשעהענישען.

אין יאהר תרצ"ו האט דער קרן-היסוד דערהאלטען, דירעקט און דורך דער יודישער אגענץ, 25,142 פונט פון רעאליזירונג פון איהרע באדען-אינוועסטירונגען און 16.208 פונט פון איינגעמאנטע חובות (אין דעם 4 316 פונט ערשטע צאהלונגען פון די לאנדווירטשאפטליכע ישובים). צוזאמען האט דער קרן-היסוד דערהאלטען פון רעאליזירטען פערמעגען און פון איינגעמאנטע חובות 41.350 פונט, וואס מאכט אויס בערך 12 פראצ. פון זיינע הכנסות. אין תרצ"ח האט די קרן-היסוד-הכנסה פון אט די קוועלען בעטראפען 20.947 פונט, אזוי אז אין די דאזיגע הכנסה-מעיינים איז אויך פארגעקומען א בעדייטענדע שטייגערונג.

כדי צו דערגענצען די איבערזיכט איבער דער פינאנציעלער טעטיגקייט פון דער יודישער אגענץ און קרן-היסוד, דארף מען נאך צוגעבען, אז אין משך פון דאזיגען יאהר האט די יודישע אגענץ נאך דערהאלטען פאלגענדע סכומים: פון דער הכנסה פון עליה-אבטיילונג 49.034 פונט, בעזונדערע הכנסות פאר דער לאנדווירטשאפטליכער פערזוך סטאציע און דער קאלאניזאציע-אבטיילונג 11.942 פונט, פאר דער פאליטישער אבטיילונג 7,834 פונט, צוזאמען 68.810 פונט.

מען קען אויך זעהען ווי גרויס עס איז די בעדייטונג פון קרן-היסוד אלס פינאנציעלער אינסטרומענט, וואס שטעהט איינגאנצען צו דער פערפיגונג פון דער יודישער אגענץ, פון די אלגעמיינע ציפערען פון די בודזשעט-אויסגאבען.

לויט די חשבונות פון דער יודישער אגענץ און קרן-היסוד האבען די בודזשעט-אויסגאבען פון דער יודישער אגענץ אין תרצ"ו דערגרייכט 444.560 פונט, פון דעם האט מען אויסגעגעבען: אויף קאלאניזאציע (איינגעשלאסען די פערזוך-סטאציע) 147.406 פונט (33.2 פראצ.), אויף עליה און הכשרה 57.910 פונט (13 פראצ.), אויף ארבייט און וואוינונגען - פערזארגונג 50.899 פונט (11.5 פראצ.), אויף נאציאנאלער ארגאניזאציע און זיכערהייט 42.142 פונט (9.5 פראצ.), אויף דער אבטיילונג פאר קאלאניזאציע פון דייטשע יודען 34.850 פונט (7.8 פראצ.), אויף ערציהונג און קולטור 27.850 פונט (6.3 פראצ.), אויף האנדעל און אינדוסטרי, ביוראען פאר סטאטיסטיק און פרעסע, טוריסטען ביו-

---

וואס געהערט, וואס געזעהן.

א מענש לאזט זיך דערקענען.

איך זאג דאס אקעגען אונזער נייעם שטאדט - פרעזידענט שטשאדראווסקי, וועלכער האט געמאכט א וויזיט אין דער יודישער קהלה און זיך פארגעשטעלט פאר'ן פרעזעס ראזענבערג.

וועלען דאך מענשען פרעגען: מא כולו האי — אוודאי, פארדערט די קוריאזיע, אז א פרעזידענט, וועלכער קומט צו אין א שטאדט אריין, זאל זיך בעקענען מיט די אנפיהרענדע פערזענליכקייטען פון די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און איבערהויפט מיט אזא וויכטיגע אינסטיטוציע, ווי עס איז די יודישע קהלה, זענט איהר טאקי אפשר גערעכט, פונדעסטוועגען איז עס נישט אלעמאל אזוי, ווארום אט וועל איך אייך ווייזען בעשיינפערליך, אז לעצטענס איז אזוי נישט געווען.

אט איז דא נישט לאנג ביי אונז געווען א צייטווייליגער פרעזידענט מצטאל, פאר וועלכען צוויי יודישע פארשטעהער האבען זיך געלייגט אין דער לענג און דער ברייט, אז ער זאל דא בלייבען אלס געוועהלטער פרעזידענט. האט אבער דער דאזיגער מאטאל געהאט א נעגאטיווע בעציהונג צו יודען און צו זייערע אינסטיטוציעס און נישט בלויז, וואס ער איז נישט געקומען זיך פארשטעלען אין דער יודישער קהלה, נאר ער האט ספעציעל גערופען זיצונגען אין שטאדט-ראט דוקא פסח צום סדר אדער אין אנ'אנדערן יודישען יום-טוב, כדי דערמיט אונטערצושטרייכען זיין בטול צו יודען. ווי אזוי דער דאזיגער מאטאל האט זיך בעצויגען צו יודישע אינסטיטוציעס און זייערע בעדערפנישען איז פאר אלעמען קלאר.

וועט איהר דאך קומען און זאגען, אז מאטאל איז געווען א נאמינירטער פרעזידענט און דעריבער האט ער זיך אזוי לייכט שעצענד בעצויגען צו יודען, ווען ער וואלט אבער געווען א געוועהלטער, דאן וואלט ער זיך געמוזט רעכענען. וועל איך אייך בעווייזען, אז ס'איז דאך געווען א נאמינירטער פרעזידענט מאצקעוויטש און פונדעסטוועגען האט ער זיך בעצויגען פאזיטיוו צו יודען און אויך ער, מאצקעוויטש, האט געמאכט א וויזיט אין דער קהלה בעת זיין אנקומען.

דאס אלעס בעווייזט, אז א מענש לאזט זיך דערקענען. מאצקעוויטש האט צו בעזוכען און פארצושטעלען זיך דער קהלה-רעפרעזענטאנט געהאלטען פאר זיין חוב און בעת'ן פערנעהמען דעם פרעזידענטען אמט האט ער זיך געהעריג בעצויגען צו דער יודישער בעפעלקערונג; מאטאל דאגעגען האט דאס נישט געטהון און ס'האט זיך טאקי ארויסגעוויזען, אז ער האט אונז יודען נאר געטהון רעות. דער נייער פרעזידענט שטשאדראווסקי ווידער האט אויך געמאכט א בעזוך אין דער קהלה, איז צו האפען, אז אויך ער וועט טאקי נאכקומען די פערלאנגען פון די יודישע אינסטיטוציעס און זיי בעהאנדלען גלייך מיט אלע אנדערע.

א מענש לאזט זיך דערקענען,

א קליינע שאלה...

רבותי, איך וויל אייך א שאלה פרעגען: נעמט מיר נישט פאר אומגיט, כ'בין נישט קיין גרויסער יוריסט און דעריבער בעט איך אייך, אפשר וועט איהר מיר קאנען דערויף ענטפערען.

כ'האב געלעזען אין די צייטונגען, אז א סך יודישע סוחרים זענען צוליב'ן פערמאכען זייערע געשעפטען אויף א שעה נאכ'ן פשיטיקער פראצעס, בעשטראפט געווארען—ווער מיט ארעסט און ווער צו בעצאהלען געוויסע געלדשטראפען, טא פארוואס זענען נישט די היגע יודישע סוחרים בעשטראפט געווארען אויך דערפאר, וואס זיי האבען זייערע געשעפטען פערמאכט צוליב דעם קארנאוואל... אמת, די פאליציי האט נישט בעפוילען צו פערמאכען, זיי האבען נאר געזאגט, אז ס'איז גלייכער, אויב מען פערמאכט די קראמען, טא האט מען דאך ביים פשיטיקער פראצעס אויך נישט געהייסען פערמאכען.

פארוואס אלזא זענען די יודען בעשטראפט געווארען, אדרבה, אפשר קאנט איהר מיר ענטפערען אויף דער קליינער שאלה?...

זיי קאנען שוין די גאנצע תורה...

די ענדעקישע תורה ווערט זעהר פלייסיג געלערנט נישט בלויז מיט די גרויסע, מיט די פויערים אין דארף, מיט די סטודענטען אין אוניווערזיטעט, נאר אויך די תינוקות של בית רבן קאנען שוין דאס גאנצע אנטיסעמיטישע למדנות.

אט וועל איך אייך דערצעהלען א קליינעם פאקט — בעיני ראיתי:

אויף דער קאשטשושקי גאס געהען אהיים שול-קינדער פון דער פאוושעכנע שולע און ווארפען שטיקער שניי אויף א גרויז גראהען יודען. דער לעצטער האט זיך געוועהרט מיט'ן שטעקען, וועלכער האט איהם געדיענט אלס אנלעהן. ס'האט איהם אבער גארנישט געהאלפען. די שטיקער שניי זענען איהם געפלויגען אין די אויגען, אויף דער בארד און אויך אין האלז. דעם יודען איז אבער, ווי ס'ווייזט אויס, בעשערט געווען פטור צו ווערען פון די דאזיגע ווייסע חברה'ניקעס און דאס צוליב פאלגענדען:

א יודישע פרוי האט גראד דארט אדורכגעטראגען א קוישעל מיט ציטרינען, האט א קריסטליכע דאמע זי אבגעשטעלט און געוואלט קויפען א ציטרין. דאס האבען בעמערקט די קליינע חברה, האבען זיי געלאזט געהן דעם גראהען יודען און צולויפענדיג צו דער יודענע מיט די ציטרינען, אנגעהויבען מוסר'ן די קריסטליכע פרוי מיט פאלגענדע ווערטער: „דו ביזט א פוילישע פרוי, טא ווי שעמסטו זיך נישט צו קויפען ביי א יודען; ווייסטו דען נישט', אז היינט צו טאג איז דאס אין פוילען די גרעסטע עבירה? דאס איז דאך זשידא-קאמונע, וועמען ס'איז א מצוה צו דערהרגענען. ביי אונז אין דער שולע ווייסען שוין אלע קינדער, אז ווער ס'קויפט ביי יודען, דער געהט גלייך אין גהינם אריין“. און דאס אבזאגענדיג האבען זיי אט די ווייסע חברה'ניקעס גענומען גאנצע הויפען שניי און אריינגעווארפען אין קוישעל מיט ציטרינען.

די יודענע האט געשאלטען מיט טויטע קללות, נאר די יונגע שול-קינדערלעך האבען זיך נישט דערשראקען פאר איהר און האבען איהר קויבערל אנגעפולט מיט שניי.

אמת, די קריסטליכע קונה'טע האט ווייטער גיקויפט די ציטרינען ביי דער יודענע, די שול-קינדער אבער האט זי גארנישט אבגעענטפערט אויף זייערע טענות.

ערשט דאמאלס, ווען איך בין נאך מיט מיינס א פריינד צוגעלאפען צו די שול קינדער, זענען זיי, מאכענדיג אונז עטליכע נישט-צענזורירטע קאמפלימענטען, אנטלאפען.

מיין פריינד, וועלכער איז נאך זעהר א נאאיווער, האט שטארק בעדויערט, וואס די קליינע זענען ענטלאפען און אויף מיין פראגע האט ער מיר געענטפערט, אז ער האט זיי געוואלט אויסמוסר'ן אזוי צו זאגען: כלאפצי, ס'איז נישט שעהן אזוי ווי איהר טהוט, אויב איהר לערנט אין שולע, דארפט איהר וויסען, אז ס'האט אמאל געלעבט א קאשטשושקא, וועלכער האט געקעמפט פאר פרייהייט, פאר וועמען אלע מענשען זענען געווען גלייך און אלס אנדענקען פון דעם פרייהייטס-קעמפער רופט מען אט די גאס, אויף וועלכער איהר געפונט זיך איצט, אויף זיין נאמען. און איהר קינדערלעך, דערמיט וואס איהר בעליידיגט מענשען, פערשוועכט איהר דאס אנדענקען פון דעם פוילישען פרייהייטס-קעמפער, און זייט זיכער, אז ווען קאשטשושקא וואלט געלעבט, וואלט ער אייך נישט ארייינגעלאזט אויף זיין גאס.

אזוי האט געוואלט מיין פריינד רעדען צו די דאזיגע תינוקות של בית רבן. ער האט אבער א טעות, ער

ראָ, פערשידענע אינוועסטירונגען א. א. וו. 22.679 פונט (5.1 פראָצ.), אַדמיניסטראַציע אויסגאַבען פון דער יודישער אַגענץ 11.752 פונט (2.6 פראָצ.), אויף דער יעהרליכער ראטע פאר דער לוידס-באַנק אין לאָנדאָן אויפ'ן חשבון פון דער הלואה 48.972 פונט (11 פראָצ.).

אינ'ם בודזשעט פון דער קאָלאָניזאציע אָבטיילונג איז אויך איינגעפלאָסען אנ'אינוועסטירונג פון 50.000 פונט פאר דער גרינדונג פון דער „ארץ-ישראל געזעלשאפט פאר לאנדווירטשאפטליכער קאלאָניזאָציע". די דאזיגע געזעלשאפט האט איצט בעקומען אנ'ערלויבניש פון דער רעגירונג ארויסצולאָזען אָבליגאציעס אויף 200.00 פונט, און דאס וועט געבען אַ גרויסען שטויס דער דורכפיהרונג פון א נייער קאָלאָניזאציע און דער פערווירקליכונג פון פערשידענע אינוועסטירונגס-אונטערנעמונגען. דער בודזשעט פאר ארבייט און וואוינונגען פערזאָרגונג ענטהאלט אנ'אינוועסטירונג פון 15.000 פונט אין דער געזעלשאפט „ביצור", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען כדי ערמעגליכען דורך קרעדיטען די אויספיהרונג פון גרויסע עפענטליכע אַרבייטען. דער גרונד-קאַפיטאל פון דער געזעלשאפט „ביצור" בעטרעפט 50.000 פונט און זי לאָזט ארויס אָבליגאציעס אויף 120.000 פונט. די ארבייטען, וואס זענען שוין אויסגעפיהרט געוואָרען, אדער וואס דארפען אויסגעפיהרט ווערען מיט דער הילף פון דער דאָזיגער געזעלשאפט, בעטרעפען 333.000 פונט. עס איז כדאי צו בעמערקען, אז אין בודזשעט פאר נאציאָנאלער אָרגאניזאציע און זיכערהייט זענען איינגעפלאָסען די געלדער, וואס זענען אויסגעגעבען פון קרן היסוד אין פערבינדונג מיט די געשעהענישען אין תרצ"ו און, וואס זענען איהם נאכהער צוריקגעגעבען געווארען פון די אין גלות לענדער געזאַמעלטע געלדער דורך דער בעזונדערער „בצרון ובטחון אַקציע". אויך בשעת די געשעהענישען פון תרפ"ט האט דער קרן היסוד בעדארפט טראָגען אויף זיך די אונבעדינגטע, באלדיגע הוצאות ביז עס זענען אנגעקומען די געלדער פונ'ם הילפס-פאנד (קרן העזרה). דער קרן היסוד איז נישט בלויז דער פינאנצירשער פאנד וואס סטימולירט און שטיצט יעדע אונטערנעמונג אין איהר אָנפאנג, נאר ער איז אויך דער רעטונגס פאנד, וואס שטעלט בשעת הדחק איהרע מיטלען צו דער פערפיגונג פון ישוב און דער בעוועגונג.

אין די אויבען אנגעגעבענע ציפערען קען מען זעהן די גרויס פון די אויפגאבען, וואס דער קרן היסוד ערפולט אלס איניציאטאָר נישט בלויז אין דער געלד-מאָבליזירונג פון נאציאָנאלען שטייער און זיין אינוועסטירונג אין דעם אויפבוי-ווערק אין לאנד, נאר אויך אין דעם צוציהען פון אַנדערע קאַפיטאלען, געזעלשאפטליכען און פריוואטען, אין דער טעטיגקייט פון די נאציאָנאלע אינסטיטוציעס, אין דער פערשטארקונג פון אונזערע פאָזיציעס אין לאַנד און אין דער אויסברייטונג פון אונזער ווערק און זיין קאנסאָלידירונג.

דער בודזשעט אויף תרצ"ז, וואס איז בעשטעטיגט געוואָרען אויף דער לעצטער סעסיע פונ'ם ועד הפועל און אין דעם אַדמיניסטראַטיווען ראַט פון דער יודישער אַגענץ, איז בעשטימט געוואָרען אין דער גרויס פון 357.000 פונט, און מען שאַצט, אז פאר'ן דאָזיגען בודזשעט וועט די יודישע אַגענץ דערהאַלטען: פון קרן-היסוד-הכנסות 290.000 פונט, פון פערמעגען-רעאליזאציע און פון חובות 37.000 פונט און פון די עליה-הכנסות 30.000 פונט.

די אויסגאבען זענען בעשטימט געווארען ווי פאָלגענד: אויף לאַנדווירטשאפטליכער קאָלאָניזאציע 92.000 פונט, עליה 44.500 פונט, ארבייט און וואוינונגס פערזאָרגונג 34.000 פונט, אבטיילונג פאר קאָלאָניזאציע פון דייטשע יודען 30.000 פונט, ערציהונג און קולטור 24.000 פונט, פאָליטישע אבטיילונג 12.000 פונט, אדמיניסטראציע-הוצאות פון דער יודישער אגענץ 12.000 פונט, אָבטיילונג פאַר האנדעל און אינדוסטריע און אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמישער פאָרשונג 8.000 פונט, בעטייליגונג אינ'ם בודזשעט פון לאַנדאָגער אמט 8.000 פונט, אלגעמיינע רעזערווען, פענסיע און פערשידענע אויסגאבען 23.500 פונט, יעהרליכע ראַטע דער לוידס-באַנק אויפ'ן חשבון פון חוב 48.000 פונט, און הוצאות אויף אָרגאַניזאַציע און פראָפאגאנדע פון קרן-היסוד 21.000 פונט.

אויף די זיצונגען פון ציוניסטישען ועד הפועל און אדמיניסטראטיווען ראַט פון דער יודישער אַגענץ איז פראָקלאַמירט געוואָרען די אקציע „בצרון ובטחון", וואס זאל דעקען די הוצאות און פערבינדונג מיט דער פערשטארקונג פון זיכערקייט אין לאַנד, אויף שטיצע פאר די וואס האבען געליטען פון די אונרוהען, און אויף פערשטאַרקען די עקאָנאָמישע פאָזיציעס און זייער אויסברייטונג. צוליב דעם איז בעשטימט געווארען א בעזונדער בודזשעט פון 300.000 פונט און איז פערטיילט געוואָרען אויף פאָלגענדען אופן: פאָליטישע, ארבייט און זיכערהייט 90.000 פונט, האנדעל, אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט 90.000 פונט, ארבייט און וואוינונג-פערזאָרגונג 80.000 פונט און פאַר סאָציאלער הילף 40.000 פונט.

צוליב אויסערגעוועהנליכער נויטווענדיגקייט זענען בעשטימט געוואָרען די חדשים אָקטאָבער און נאָוועמבער פאַר דער אַקציע אין די גלות לענדער און זי איז דורכגעפיהרט געווארען אין אלע לענדער מיט דער הילף פון דער יודישער אַגענץ און פון הויפט-ביוראָ און לאַנד-ביוראָען פון קרן היסוד. אויפ'ן איירָאפּעאישען קאָנטינענט האט די דאָזיגע אקציע געגעבען בעפרידיגענדע רעזולטאטען. ווען מיר נעמען אין בעטראכט די שווערע בעדינגונגען, אין וועלכע זי איז דורכגעפיהרט געוואָרען, און דעם שווערען מצב פון די יודישע מאַסען אין די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער. די הכנסות פון דער אקציע „בצרון ובטחון" איבערשטייגען 100.000 פונט בערך און פון דעם האט שוין דאס הויפט-ביוראָ פון קרן-היסוד דערהאלטען 50.000 פונט. אין די אמעריקאנישע פעראייניגטע שטאטען, דרום אפריקא און ענגלאנד איז די אקציע נאָך נישט דורכגעפיהרט געוואָרען.

טראָץ אלע גרויסע שוועריגקייטען, האט די יודישע אַגענץ בעוויזען, מיט גרויסע אנשטרענגונגען, צו באלאנסירען איהר בודזשעט אין פוריגען יאהר. די בלוטיגע געשעהענישען האבען ערשיטערט פיעל וויכטיגע פאָזיציעס און פון אלע זייטען פאָדערט מען הילף פון דער יודישער אַגענץ און פון קרן-היסוד. מען דארף דעריבער מאָביליזירען אלע כחות און אלע מיטלען, כדי די נאציאָנאַלע אינסטיטוציעס זאָלען קענען ערפולען די גרויסע אויפגאבען וואס שטעהען פאַר זיי אויף אלע געביטען, פאַר דער זיכערהייט, פאַר אויסברייטונג פונ'ם קאָלאָניזאַציאָנס-ווערק און ארבייט דעראָבערונג. און דווקא אין דער איצטיגער צייט, ווען דער פריוואטער קאפיטאל האלט זיך אָב פון גרעסערע אינוועסטירונגען אין לאַנד, מוז דער קרן היסוד שטעהן אויף דער וואך, היטען אז די ארבייט פונ'ם אויפבוי זאל זיך נישט אָבשטעלען, נאָר זי זאל געפיהרט ווערען מיט מעהר ענערגיע. די יודישע קבוצים פון איבעראל דארפען מאָביליזירען זייערע בעסטע כוחות כדי צונויפזאַמלען די נויטיגע סכומים פאר'ן קרן-היסוד. דער חוב פון נאציאָנאלען שטייער איז א מצווה וואס יעדער יוד דארף זי מקיים זיין און דארף קוקען אויף דעם ווי אויף א בירגער-פליכט. דער נאציאָנאלער שטייער איז א פּרוביר שטיין. מיט געמיינזאַמע אנשטרענגונגען וועלען מיר קענען איבערווינדען די גרויסע שטערונגען, וואס ליגען אויף אונזער וועג.

טשעקאָווע ידיעות

די רייכסטע פאַמיליע פון דער וועלט

ווער ס'מיינט, אז וואַנדערווילט אָדער ראָקפעלער זענען די רייכסטע מענשען פון דער וועלט, דער האט א גרויסען טעות, אמת איז, זיי פעהלט אויך גאָר נישט צו עולם הזה, אָבער דער אמת'ער רייכסטער מענש אויף דער וועלט, לעבט אין יאַפּאַן.

ווער ס'פיהרט געשעפטען מיט יאַפּאַן און בעציהט פון דאָרט סחורה, נישט קיין חילוק צו טייערע גרויסע מאַשינען, אָדער ביליגע צייהנבערשטלעך, דערזעהט אויף די קעסטלעך וואס קומען אָן פון דאָרט, א קליין פיער עקיג פעלד און דערינען דריי שטרעכליך. דאס הייסט אויף יאַפּאַניש „מיטסואי" אָדער אויף אונזער לשון „דריי ברונעס".

די דאָזיגע אויפשריפט איז דער צייכען פון דער רייכסטער משפחה, נישט נאָר אין יאַפּאַן, נאָר טאַקע פון דער גאנצער וועלט.

מיט עטליכע יאהר צוריק האָב איך זיך געטראָפען מיט'ן שעף פון דער פאמיליע מיטסואי, דעם באַראָן סעם מיטסואי, וועלכער האט מיר דערצעהלט אינטערעסאנטע פּרטים איבער דער דאָזיגער משפחה.

מיט ערך דריי הונדערט יאהר צוריק האט זייער עלטער-עלטער זיידע געפונען אין די ברונעס אויף זיין קליין שטיקעל פעלד, א גרויסען אוצר, וועלכען גנבים האבען מכתמא דאָרט בעהאלטען און אָט דער אוצר האט איהם געבראכט גרויס גליק אין זיין מסחר. ער האט זיך א נאמען געגעבען „מיטסואי", (דריי ברונעס) און זייט דעמאָלס בעדייט דאס וואָרט: גרויסען האנדעל אויף דער גאנצער וועלט.

דאס געשעפט, וואס געהט תמיד איבער פון דור אויף דור, איז געוואָרען שטענדיג גרעסער און גרעסער און היינט נעמט עס אַרום דריי פערטיל פונ'ם גאנצען האנדעל אין יאַפּאַן גופא און כמעט דעם גאנצען יאַפּאַנישען עקספּאָרט אויף דער וועלט.

די פאַמיליע מיטסואי האט אייגענע געזעצען, וועלכע זענען זעהר שטרענג בנוגע זייערע אייגענע פאַמיליען מיטגלידער, דורך אַנ'אייגענעם פּריווילעג פון דער רעגירונג, מוזען זיך אלע מיטסואי'ס אונטערוואַרפען די דאָזיגע פאַמיליען געזעצען. היינט זענען אין יאַפּאַן פאַראַנען עלף פאַמיליעס „מיטסואי". דער עלטסטער פון יעדער פאַמיליע זיצט אין אזא אויבער-ראַט, וועלכער האט צו שאַלטען און צו וואַלטען נישט נור איבער'ן פערמעגען, נאָר אויך איבער די נפשות פון דער פאַמיליע מיטסואי. צווישען די עלף פאַמיליעס ווערט געוועהלט א פּרעזידענט (נישט תמיד דער עלטסטער פון דער פאמיליע), וואס האט דאס גרעסטע וואָרט אין דער משפחה.

אלע פאַמיליען מיטגלידער מוזען זיין בעשעפטיגט אין זייערע מסחרים, ווייזט עמיץ ארויס, אז ער האט נישט קיין אינטערעס פאַר האנדעל, אזוי קען איהם דער אויבער-ראַט אויסשליסען פון דער משפחה. ער מוז ענדערן זיין נאמען און האט מיט די מיטסואי'ס גאָר נישט קיין שום שייכות. דער אויבער-ראַט קען אויך א ווילד-פרעמדען מענשען, וואס איז טיכטיג אין האַנדעל אויפנעמען אין דער משפחה און איהם בעוויליגען צו פיהרען דעם נאָמען „מיטסואי". אַדער יונגערמאַן וואס ענדיגט די שולען אין יאַפּאַן, מוז ווייטער שטודירען אויף דער אוניווערזיטעט אין ענגלאנד.

די מיטסואי'ס פערמאָגען היינט מעהר האנדעלס שיפען ווי פראַנקרייך מיט ענגלאנד אינאיינעם. זייערע שיפען שיקען זיי מיט סחורה אויף ארבע פנות העולם. זיי האבען אין יאַפּאַן טויזענדער פאַבריקען, וואס ערצייגען אלעס, וואס מענשען בענויטיגען פון קאַנאָנען ביז הויזענקנעפּלעך.

זיי לעבען זעהר איינפאַך אין פּשוט'ע הילצערנע הייזער. פיעל מיטגלידער פון דער משפחה זענען לרוב גאָר נישט אין דער היים. זיי געפינען זיך אין זייערע פערשידענע פאבריקען אָדער זיי פאהרען אַרום אין אויסלאנד וועגען פערשידענע גרויסע געשעפטען.

זיי האבען געגרינדעט אייגענע שטעדט, וואו ס'ווערען דורכגעפיהרט די פערשידענע אַרטען פון פאַבריקאַציעס. אזוי הייסט למשל דער אָרט וואו זיי פאבריצירען שטאָלענע סחורות: סאָלינגען, ביר ערצייגען זיי אויף א פּלאַץ, וועלכען זיי האבען א נאמען געגעבען: פּילזען. אזוי ווי נעמען פון שטעדט זענען אין ערגיץ נישט געשיצט, קענען זיי פערקויפען „עכטען סאָלינגער שטאָל" און „אמת'דיג פּילזנער ביער", וכדומה, וכדומה..... זיי זענען די גרעסטע שטייער-צאָהלער אין יאַפּאַן און ווען כ'האָב דעם באַראָן מיטסואי געפרעגט: אויף וויפיעל ער שאַצט דאס פערמעגען פון די מיטסואיס, האט ער מיר געענטפערט:

„קיין געציילטע ציפערן, קען איך נישט זאָגען, אזוי פיעל איז זיכער, אז אונזער פערמעגען איז גרעסער ווי דאס פערמעגען פון אלע וועלט-גבירים אינאיינעם"...

ז. האַבער, וויען.

דארף מיט זיי מיט אָט די קונדיסים נישט לערנען. זיי קאנען שוין אליין די גאנצע תורה..

ער האָט געשמייכעלט...

דערצעהלט מיר ה' בזשאָסקי פאָלגענדע פאַסירונג:

יענע וואָך איז ער אַדורך די צווייטע אַלעע, האבען איהם ארומגערינגעלט א חברה יונגע לאָבוזעס און געמאכט עטליכע וואונדען אין קאָפּ. לאין ברירה איז ער אריין אין געוועלב פון פּיאָטראָווסקי'ן (אַלעע 24) און געבעטען, אַז ער זאָל איהם דערלויבען צו טעלעפאָנירען נאָך פּאָליציי. דער לעצטער האט איהם אָבער העפליך געענטפערט, אַז ליידער האט ער נישט קיין טעלעפאָן, נאָר אויב דער יוד וויל קען ער אריבערגעהן אין דער צוקערניע „ראָמאַ", וועט ער קאנען טעלעפאָנירען. דער יוד בזשאָסקי זאָגט אָבער, אַז ער איז איינגעשטעלט מיט'ן לעבען, ווארום דרויסען וואַרטען אויף איהם כוליגאַנעס, וועלכע ווילען איהם דערהרגענען. האָט שוין ה' פּיאָטראָווסקי גאָרנישט געזאָגט, נאָר געענטפערט מיט אַזאַ שמייכעלע, וואס ס'בלוט אין די אָדערען ווערט פערקיהלט...

שפּעטער איז עפּיס יאָ געקומען דער פּאָליציאַנט נומער 588, וועלכער האָט דעם ה' בזשאָסקי „בערוהיגט", זאָגענדיג איהם, אַז ס'לוינט נישט צו מאַכען קיין ליארם „בּאָ פּושעטשעש פּאַן יעשטשע ניע יעסט זאַביטי"... האָט דער ה' בזשאָסקי געענטפערט, אַז ווען ער זאָל חלילה זיין דערהרג'עט וואָלט ער זיך דאָך נישט גענויטיגט אין קיין פּאָליצייאישע הילף. האט דער פּאָליציאַנט ווידער געענטפערט — — נאָר וואָס איז דער חילוק וואס דער האט געזאָגט און וואס יענער האט געענטפערט — איבעריגענס, געדענקט שוין נישט ה' בזשאָסקי דעם גאנצען דיאַלאָג, וואס ער האט געהאט מיט'ן פּאָליציאַנט. דערפאַר אָבער — זאָגט ה' בזשאָסקי — וועט ער געדענקען זיין גאנץ לעבען דאס ציניש סאַדיסטישע שמייכעלע פון ה' פּיאַטראָווסקי, בעת ער האט געזעהען ווי אַזוי ה' בזשאָסקי שטעהט הילפלאָז. אוי, האט ער געשמייכעלט...

אז מען גיט נישט אַכטונג אויף דער שיקסע...

אַ רעליגיעזער יוד האט נישט אַכטונג געגעבען אויף דער שיקסע, האט ער געהאט אַ גרויסע מפּלה.

די מעשה פון דער געשיכטע איז אַזאַ היסטאָריע:

ביים ה' ק. דינט א קריסטליכע דינסט, האט זי גענומען אַנ'עוף און געלאָפען צום שוחט. היות אָבער ווי די שיקסע ווייסט, אַז אין דער יאַטקע גאס וואוינט אַ טריפה'נער שוחט טורנער, וועלכער מאַכט די קונץ מיט 5 גראָשען ביליגער, ווי די שוחטים אין שחט-הייזעל, האט די שיקסע במילא ליבער דעם טריפה'נעם שוחט. דערווייל האט זיך דערפון דערוואוסט איינער פון דער חברה שומרי-הדת, וועלכער איז אוועק צום ה' ק. און איהם געזאָגט אַזוי און אַזוי: זיי וויסען, אַז דיין שיקסע האט עסקים מיט'ן טריפה'נעם שוחט און דו מוזט פרעגען א שאלה אויף די כלים. ס'פערשטעהט זיך, אז מען האט געפּסקנט: טריפה. הקיצור, מען האט די טעפּ געכשרט, די טעלער צובראָכען און דער שיקסע האט מען אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל מעהר צום דאָזיגען „שוחט" נישט געהן.

אַזאַ סוף ערוואַרט די אַלע, וואס וועלען נישט אַכטונג געבען אויף דער שיקסע...

איהר משרת איז ביליכער...

רבותי, איך קאָן אייך אָנזאָגען א בשורה: אין טשענסטאכאָוו האט זיך געגרינדעט א נייע געזעלשאפט א. נ. „בעז ראַנק".

דער הויפּט-פּראָגראַם פון דער נייער אינסטיטוציע איז, אז ביים בעגריסען זיך זאָל מען זיך נישט דערלאַנגען די הענד, נאָר מיט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ אָדער מיט א ווינק מיט די אויגען זאָל מען יוצא זיין דעם אלטען מנהג פון „שלום עליכם".

צו דער דאָזיגער אינסטיטוציע געהערען סאַמע שמעטענע: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, אינזשינירען און סתם „יענטעליגענטען".

ס'פערשטעהט זיך, אז די דאָזיגע אָרגאַניזיר-פערזאַמלונג האט אויסגעארבייט געהעריגע סטאַטוטען, געדונגען א לאָקאַל אין דער צווייטער אַלעע אין איינעם פון די שענסטע הייזער פון דער דאָזיגער הויפּט-גאַס און ווי עס פּאַסט פאַר אַריסטאָקראַטען, ווערט דאס זיין א קלוב מיט א בופעט און מיט אַלע זיבען זאכען.

ווי אַרום אונזערע יודישע אינטעליגענטען איז געקומען אויפ'ן געדאַנק צו גרינדען אזא „בעז ראַנק"-קלוב, וועגען דעם געהען אַרום פערשידענע השערות. טייל זאָגען, אז דאס איז דערפאַר, ווייל ס'האט געטראָפען א פּאַל, אז אין א צוקערניע האט א יודישער אינטעליגענט אויסגעשטרעקט די האנד צו זיינס אַנ'אַלטען בעקאַנטען קריסט, נאָר די יודישע האנד איז געבליבען הענגען אין דער לופט. און אָט אין יענעם מאָמענט איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק וועגען גרינדען אזא „בעז-ראַנק"-קלוב. פערהאַנען נאָך אַנ'אַנדערער יש אומרים, אָבער וואס איז דער אונטערשיד, וואס פאַרע מאָטיווען ס'האבען צוגעפיהרט צו דעם דאָזיגען געניאַלען געדאַנק. מיר שטעלען נאָר פעסט, אז אַזא קלוב איז געגרינדעט געוואָרען און באַסטאַ.

ויהי, ווי נאָר אונזערע יודעלעך זענען געוואויר געוואָרען, אז ס'האט זיך געגרינדעט אזא אינסטיטוציע, האבען זיי מיט זייער הונגעריגען אינסטינקט דערפיהלט, אז ס'וועט זיך מאַכען עפּעס א שטיקעל פערדינסט, ווי למשל, ביים בופעט, א וואַזשנע פּאָסטען אָדער כ'ווייס וואס, ווארום, אויב אין די יודישע פאבריקען זעהט מען קיין יודען נישט צו, טאָ זאָל כאָטש זיין אין א יודישער אינסטיטוציע. ווי ס'ווייזט אָבער אויס האבען די יודישע רעפלעקטאַנטען אויף א נייעם פּאָסטען געהאט א טעות, אז ס'איז קיין מזל נישטאָ, העלפט נישט קיין שום יהי-רצון. מאַכט זיך א מעשה, אז איין מיטגלידערין פון דעם ניי-געגרינדעטען קלוב, אַ גאַנצע שיקסע. א פּאַני אינזשינירָאָוואַ, האט זיך איינגעשפּאַרט, אז דער בופעט מוז האבען איהר'ס א געוועזענע קריסטליכע דינסט, פאַר וועלכע זי האט פליכטען, און אזוי ווי יענע האט שוין א מאַן, וועט ער זיין וואַזשנע.

ס'האבען זיך געפונען אפילו אזעלכע פערוואַלטונגס מיטגלידער, וועלכע האבען גע'טענה'ט, אז היות ווי ס'זענען פערהאַנען אזוי פיעל יודישע ארבייטסלאָזע, דארף מען אין א יודישען קלוב צונעמען א יודען, די פּאַני אינזשיניעראָוואַ אָבער האט געדראָהט מיט קאָנסעקווענצען און ס'איז געבליבען אזוי ווי זי האט געוואָלט.

אין דער נייער אינסטיטוציע „בעז-ראַנק" האט מען לגבי די יודען, וועלכע האבען אויסגעשטרעקט די הענד נאָך פרנסה, שוין אנגעווענדעט דעם „בעז-ראַנק" סיסטעם. מען האט זייערע הענד געלאָזט הענגען אין דער לופטען און אַלץ דערפאַר, ווייל ביי די פּאַני אינזשיניעראָוואַ איז איהר קריסטליך משרת ביליכער...

לויתן

ערשטע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט.

היינטיגען זונטאג איז אין לאָקאַל פון דער יודאַאיסטישער ביבליאָטעק פאָרגעקומען די ערשטע אלגעמיינע פערזאַמלונג פון אינסטיטוט. די פער-זאמלונג האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס און עס האבען אין איהר אנטיילגענומען כמעט אלע מיטגלידער.

די פערזאמלונג ווערט געעפענט מיט א קליינער פערשפעטיגונג דורך אינזש. ברושעווינסקי, וועלכער פערבעט אלס פאָרזיצער דעם דיר. סט. זיגמאַן. דער פאָרזיצער פערבעט אלס אַסעסאָרען די ה"ה: ד"ר גינזבורג און גאָלדשטיין.

דעם בעריכט פון דער ביז-יעצטיגער טעטיגקייט גיט אָב ה' ד"ר הירשבערג. פון בעריכט זעהט זיך ארויס, וואס פאַר א קאָלאָסאַלע ארבייט ס'איז שוין אָבגעטהון געווארען. דער רעדנער שלאָגט פאָר אַנ'ארבייטס-פּלאַן פאַר דער צוקונפט, וועלכער נעמט אַרום: די ארבייט אַרום דער ביבליאָטעק, איינאָרדנען פאָרטראָגען פון בעוויסטע-נדע יודישע געלעהרטע, איינאָרדנען קורסען פאַר דער יוגענד א.א.וו.

דעם קאַסע-בעריכט גיט אָב ה' לע-ווענהאָף.

א לענגערע דיסקוסיע האט אַרויס-גערופען דער פּראָיעקט פון סטאַטוט און רעגולאַמין, וועלכער ווערט אין רעזולטאַט אָנגענומען אין דער פאָר-געשלאָגענער פאָרם.

ה' לעווענהאָף רעפערירט דעם בו-דזשעט פרעלימינאַר אויפ'ן יאהר 1937. אין בודזשעט זענען די הכנסות פאַר-געזעהען אויף 5.250 זל. אין די אויס-גאבען איז די גרעסטע פּאָזיציע אויף ביכער איינקויף אויף וועלכע ס'איז פאָרגעזעהען א סומע פון 2490 זל. דער בודזשעט פרעלימינאַר ווערט איינשטי-מיג אָנגענומען.

אין דער פערוואַלטונג זענען געוואָ-רען אויסגעוועהלט ה"ה: אינזש. קאָהן, אינזש. ברושעווינסקי, ד"ר עפּשטיין, ד"ר הירשבערג, ד"ר שלייכער, ד"ר שייער, דיר. זיגמאן, וו. פרוינד און ס. לע-ווענהאָף. אין דער רעוויזיאָנס קאָמיסיע: דיר. מאַרקאָוויטש, י. קאָהן און ה' טאָ-טארקא. אין דער ביבליאָטעק קאָמיסיע: י. זאַנדשטיין, ל. קאָפינסקי, ה. שפּאָל-טען, ג. פרענער, בלומענקראַנץ, ל. פאָגעל און י. דאנציגער.

די הויך פון איינשרייב-געלד איז בעשטימט געוואָרען אויף 10 זל., פון חודש אָבצאהל אויף 1 זל. דערביי זע-נען סטודענטען בעפרייט פון איינשרייב-געלד און ביים חודש-אבצאהל איז פאַר-געזעהען א הנחה.

זיצונג בעליידיגט די מאַגיסטראַט-אָנגע-שטעלטע.

פון ברית-תרומפלדור (בית"ר).

אין צוזאַמענהאנג מיט דער 17 טער יאָהרצייט פון יוסף תרומפלדור, וועלכע קומט היי יאָהר אויס מאנטאג, אָרדענט איין דער היגער קן ב'ת"ר זונטאג, דעם 21-טען ד.ח. 9 א זייגער אָוונד אַ פיי-ערליכע טרויער-אקאַדעמיע מיט זעהר א רייכען פראָגראַם און מסדר פון גאַנ-צען קן.

עס וועט אויך געפייערט ווערען די בר-מצוה - פייערונג, געווידמעט דער דרייצעניעהריגער עקזיסטענץ פון אַל-וועלטליכען בית"ר.

די ביתרים ות וועלען אויף דער י"א-אַקאַדעמיע בעקומען די תולדות בר מצוה פון שלטון ב'ת"ר אין לאָנדאָן.

— מארגען, שבת קומט פאר א הזכרה אין דער שוהל פון „אחדות ישראל, אָנראָדאווע 4.

פון „קרן תל-חי".

שבת צו נאַכטס, פ' תצוה, דעם 20 ד. ח. פונקטליך 8 אוועגד קומט פאַר אין לאָקאַל פון „אחדות ישראל", בערקא יאָסעלעוויטשא 4, א הזכרה, געווידמעט די 17 טע יאָהרצייט פון תל חי העלד יוסף תרומפלדור ז"ל, מיט'ן אנטייל פון דעם ספּעציעל דעלעגירטען פון דער קרן תל חי צענטראַלע אין פוילען דיר. מ. קלפרער.

— זונטאג, דעם 21 ד.ח. 8.30 אוועגד קומט פאר אין לאָקאַל פון בית"ר, אַלעע 40 (צווייטער הויף), א טרויער-אקאַדע-מיע צום אָנדענקען פון יוסף תרומפלדור ז"ל.

איינגאַנג פריי פאַר אלע נ.צ.אָ.-חברים און סימפאַטיקער.

די אַקציע פון „זבולון".

עהערנעכטען איז פארגעקומען א פערזאמלונג וועגען אָרגאַניזירען אַנ'-אָבטיילונג פון „זבולון" אין טשענסטאָ-כאָוו.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיגער פערזאַמלונג איז אנגענומען געווארען א בעשלוס וועגען דער לעגאַליזאציע, טערמין פון דער קאָנסטיטואירענדער פערזאַמלונג און עפענטליכען רעפעראַט.

אין דער פערזאמלונג האט אנטייל גענומען דער דעלעגאַט פון דער הויפּט-פערוואלטונג פון „זבולון" אין פוילען, ה' מאַוריצי גאָלדבערגער פון קראקא.

עס איז צו האָפען, אז די דאזיגע ווערבירונגס אַקציע וועט האבען אין אונ-זער שטאדט דעם געהעריגען ערפאָלג.

איילט זיך צו זעהען
די לעצטע פאַרשטעלונג פון שלאַגער
דער לעצטער טאַנץ.

אַנקלאַגע פון די שטאָדטישע אָנגע-שטעלטע געגען פרעזידענט מאַטאַל

די רעדע, וואס ס'האט געהאלטען דער געוועזענער ציטווייליגער שטאָדט-פרעזידענט מאַטאַל אויף דער לעצטער שטאָדט-ראַט זיצונג, וואס איז דורך איהם געפיהרט געווארען, וועט ווארשיינליך געפונען דעם געהעריגען אָבקלאַנג אין געריכט. ס'געהן נעמליך ארום קלאַנגען, אז די מאַגיסטראַט-בעאַמטע — מיטגלידער פון דער ארגאַ-ניזאציע פון געוועזענע מיליטער-לייט טראָגען אריין אַנ'אָנקלאַגע געגען דעם געוו. פרעזידענט מאַטאַל, וועלכער האט אין א רעדע בעת דער דערמאנטער

דער „טאָז"-באַל.

גאַנץ טשענסטאָכאָוו גרייט זיך צום באַל, דעם 27 ד. ח. אין פייערלעשער-זאַל. דער „טאָז" באַל וועט זיין אימפּאָ-זאַנט. אויך ווערט צוגעגרייט אַנ'אייגע-נער בופעט, דערצו א ביליגער.

עס אונטערליגט נישט קיין ספק דאס דער „טאָז"-באַל וועט צאָהלרייך בעזוכט ווערען.

ווער עס וויל פערגעסן אן זיין טעגליכען זאָרג זאָל קומען בעוואונדערן די פראַכטפולע פאַרשטעלונג
דער לעצטער טאַנץ.

פון אַרבייטס-פראָנט.

די אַרבייטער פון דער כעמישער פאַבריק „רענדזשיני" אין רודניק, הינ-טער טשענסטאכאוו זענען אַרויסגעטרע-טען צו דער דירעקציע מיט דער פאָ-דערונג וועגען העכערן זייערע לויהנען. די הוספה זאָל בעטרעפען פון 12—15 פּראָצענט. אין דער דאָזיגער פאַבריק ווערען בעשעפטיגט 300 אַרבייטער.

אין דער נאָהנטסטער צייט זאָלען צוריק אָנהויבען צו אַרבייטען די קאָלך-אויוועגס „וואַפנאָרוד", וועלכע בעשעפ-טיגען אינ'ם סעזאָן אַנ'ערך 140 אַרביי-טער. די אַרבייטער פערלאנגען א הוספה פון 15—20 פּראָצענט און די דירעקציע איז גרייט נאכצוגעבען בלויז 8 פּ"אָ-צענט.

די כוליגאַנישע אָנפאַלען אויף יודען אין דזיאַלאָשין הערען נישט אויף.

פערג. פרייטאג איז ווידער אָראָבגע-קומען ק"ין ווייעלון פון דזיאַלאָשין א דעלעגאַציע, צווישען וועלכער עס האט זיך געפונען א שווער צושלאָגענער אין קאָפּ און אין אַנ'אויג דער דאָרטיגער 58 יעהריגער כוחר יוסף שמאלעוויטש, וועמען די ענדעקישע שקצים האבען צו-שלאָגען מיט אַנ'אייזערנעם פרענט, ווען ער איז דאָנערשטאג געגאנגען שליסען זיין קאָלאָניאַל געשעפט.

לאָוניק קורלאַנד איז מיט דער דע-לעגאַציע אוועק צים סטאראָסטווא אינ-טערוועניר'ען, וואו די דעלעגאציע האט דערציילט, אז ענדעקעס האבען אויך געשאָסען פון א רעוואָלווער אויף די יודישע יונגעלייט הערשעל באָרנשטיין און קאָפּעל רינג, נאָר צים גליק נישט געטראָפען. אין דער סטאַראָסטווא האט מען זיי פערשפּראָכען צו אָרעסטירען די כוליגאַנעס און נישט צו דערלאָזען צו ווייטערע ארויסטריטען.

אָסיאַקאָוו האָט איבערגעלעבט שרעק צוליעב אַנ'אומגליקליכען פאַל מיט א קינד.

דאס 14 יעהריגע יודישע מיידעלע אין אָסיאַקאָוו פייגע זשעמבאווסקא האט געהאַקט האָלץ אויפ'ן הויף. דערנעבען האט זיך געשפּילט דאס 3 יעהריגע מיי-דעלע פון שכנה'שען קאָוואַל, איגנאַשעק, וועלכעס האט שפילענדיג אונטערגע-לייגט שפענדלען אונטער דער האַק. אין דעם מאָמענט האט זיך די האַק אַראָבגעלאָזט און אָבגעהאַקט ביים קריסטליכען קינד 3 פינגער פון רעכטען הענטעל.

דעם אומגליקליכען צופאַל האבען ארויסגענוצט ענדעקעס, פערשפרייטענדיג קלאַנגען, אז דאס האבען יודען עקסטרא געטהון כדי זיך נוקם צו זיין אין קריס-טען. אויך האבען זיי אונטערגעהעצט דעם אומגליקליכען פאָטער, וועלכער איז געווארען ווילד און געוואָרפען זיך שלאָגען יודען און אָנגעכאַפּט א יודיש קינד, ביי וועלכען ער האט דוקא גע-וואָלט אָבהאַקען א הענטעל.

די מהומה און די פּאַניק צווישען די יודען איז געוועזן אין לשער. דאס קינד האט מען קוים ארויסגעריסען פון זיינע הענד און א גליק וואס די פּאָלי-ציי האט ענערגיש אינטערוועניר'ט און נישט דערלאָזט צו ווייטערע אונרוהען.

דאס יודישע מיידעלע און די עלטערן האבען זיך געמוזט אויסבעהאַלטען און אוועק פון שטעדטעל.

רעהאַביליטירט דעם פּאַוויאַטאָווע וועטערינאַר-דאָקטאָר.

דאס ק ייז-געריכט האט פערעפענט ליכט דעם אורטייל אינ'ם פּראָצעס פון דר. טאַרעאוש גזו סקי, וועלכער איז געווארען אָנגעקלאָגט, אז פערנעמענדיג דעם אַמט פון פּאָוויאַטאָווע וועטערינאַר-דאָקטאָר, האט ער איבערגעטרעטען זיינע רעכט צום שאָדען פאר דער מאַכט און גענומען צו הויכע דיעטעס פאר אַמטליכע רייזעס קיין קעדזשין.

די אָנקלאַגע האט זיך גענומען פון אַנ'אַנאָנימער מעלדונג צו דער מאַכט און זאגאר צום פּרעמיער.

די געריכטס פערהאַנדלונג האט אבער פעסטגעשטעלט די ריכטיגע האַנדלונג פונ'ם אָנגעקלאגטען וועטערינאַר דאָקטאָר און איהם פולשטענדיג פרייגעשפּראָכען פון יעדער שולד.

ר' ישראל'קע טשענסטאָכאָוסקי ז"ל

היינטיגע וואָך האבען די היגע יו-דען בעגלייט צו זיין אייביגער רוה איינעם פון די היגע עלטסטע און אָנ-געזעהענסטע תושבים ר' ישראל'קע טשענסטאָכאָווסקי ז"ל.

דער נפטר איז געבוירען געווארען אין טשענסטאכאוו מיט 84 יאהר צוריק אלס זוהן פון היגען כלל טהוער ר' מאיר הירש טשענסטאָכאָווסקי און זיין גאַנץ לעבען האט ער זיך אָבגעגעבען מיט תורה ועבודה. שוין מיט אַנ'ערך פופציג יאהר צוריק איז ר' ישראל'קע ז"ל געוועזן איינער פון די אָנגעזעהענ-סטע חסידים ביים „חסד לאברהם" זצ"ל און אויך שפּעטער ביים „כנסת יחזקאל" זצ"ל, וועלכע האבען זיך מיט זיין מיינונג שטאַרק גערעכענט. א גאַנץ יובל יאהרען, ביז צו דער לעצ-טער מינוט פון זיין פּטירה, איז ער געוועזן דער מנהיג פון די היגע ראָ-דאָמסקער חסידים און זיין דעה איז פאַר זיי געוועזן א געבאָט.

זונטאג 2 א זייגער נאכמיטאג איז פאַרגעקומען זיין לויה, אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען דער ראַ-בינאָט, די פּרעזעסען פון דער קהלה-פערוואלטונג און ראַט, די פערוואַלטונג און די בחורים פון דער ישיבה „כתר-תורה", די פערוואלטונג און קינדער פון „מחזיקי הדת", פון וועלכע דער נפטר איז געוועזן מיטגרינדער, ווי אויך א גרויסע צאהל מלוים, ווען דער ארון האט זיך אָבגעשטעלט פאַר דער „מחזיקי הדת" איז דער נפטר אַהין אריינגעטראָגען געווארען און עס האָ-בען איהם מספיד געוועזן ר' יוסף פּראָ-קאָש דומו"צ, ר' משה האלטער און הער ראש ישיבה פון „כתר תורה"—ר' אברהם ישכר גאָטליב. אויך אויפ'ן בית החיים האבען געהאלטען הספדים ר' לייזער יאָקובאָוויטש און דאס עלט-סטע אייניקעל פון נפטר—ר' דוד זעל-ווער.

דער נפטר איז געקומען צו קבורה אין דער קרקע, וועלכע ער האט זיך אָבגעקליבען מיט 17 יאהר צוריק.

ת.נ.צ.ב.ה.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' משה אייזער 10 קילאָ ברויט.

ה' מנחם שעפּטעל 5 קילאָ ברויט.

ה' ב. באָטשאָן 20 קילאָ ברויט.

ה' ח. העלמאן 30 קילאָ ברויט.

ה' א. י. מאָס א נדר 10 קילאָ ברויט.

צו דער 25 יעהריגער חתונה פון ה' חיים פיטעל און פרוי שפּענדען 70 קילאָ ברויט פאָלגענדע פערזאָנען, ה"ה: דוד גאָלדבערג, שלום ברזאָסקי, אברהם קאָפינסקי, ישעי' שונדער, יהושע וואַרשאָווסקי, שמואל גאָלדרוס, דוד פיליפּאָוויטש, דוד קרזעפּיצקי, דוד קאָ-ניעצטאָלער, מאיר פייגענבלאָט, יוסף מאַיאָרטשיק, ז. מאַיאָרטשיק, אברהם וואָלפסקי און שמואל פראַנק.

ה' משה וואָלקאָוויטש צו דער יאהר-צייט פון זיין מוטער 10 קילאָ ברויט.

ח' שלמה אבראַמזאָן צו דער יאהר-צייט פון זיין פאטער 10 קילאָ ברויט.

ה' משה פערלמאָן צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 5 קילאָ ברויט.

פרוי איידעלמאן 5 זלאָטעס.

פאַר'ן שפּיטאָל

פרוי איידעלמאן 10 זל.

נאָך 7 וואָכען געפונען געוואָרען א דערטרונקענער.

נעכטען איז צופעליג בעמערקט גע-וואָרען אויפ'ן טייך וואַרטאַ, נעבען די קאַסטענעס, א טויטער קערפּער. די אַדורכגעהער האבען איהם אַרויסגעצוי-גען פון וואַסער, וועלכער האט זיך אַרויסגעוויזען אלס דער 26-יעהריגער גייסטיג קראַנקער יצחק וואָליצקי.

וואָליצקי איז מיט 7 וואָכען צוריק ארויס ביינאַכט פון דערהיים און טראָץ אלע זוכענישען איז נישט געלונגען איהם צו געפינען.

טעאַטער-נאָטיצען

„דער לעצטער טאַנץ".

מילדרעד — אַ יודיש צובאַלעוועט מיידעל פון די אַמעריקאַנער אַלרייט-ניקעס, דאַרף בעקומען אַ רייכע ירושה מיט'ן בעדינג, אַז זי וועט במשך פון עטליכע טעג חתונה האבען. אזוי ווי איהר בעשערטער געפונט זיך אויף אַ לוסט-רייזע אין יוראָפּ און מיט קיין אַנדערען האט זי נישט קיין חשק חתונה צו האבען, געפונט זייער הויז-פריינד, אַנ'אַדוואָקאַט, אַנאויסוועג: זאָל מילדרעד הייראַטען מיט אַ צום טויט-פעראורטיילטען אַרעסטאַנט, וועלכער וועט בעקומען פאַר זיין טרחה אַ געווי-סע געלד-בעלוינונג און צומאָרגענס נאָכ'ן אויספיהרען דעם טויט אורטייל, בלייבט זי אַנ'אַלמנה און וועט בעקו-מען די צוגעזאָגטע ירושה.

דערווייל איז געשעהן אַ יוסטיץ-טעות. דער אמת'ער מערדער איז זיך מודה און מישא, דער פערמשפּט'ער, ווערט בעפרייט. זיין „ווייב" מילדרעד, וועלכע ער האט מקדש געווען אין „סינג סינג", גרייט זיך חתונה צו האָ-בען מיט איהר חתן, וועלכער איז שוין צוריקגעקומען, אָבער אין דער לעצטער מינוט יאָוועט זיך מישא, וועלכען זי האט ליעב בעקומען פון ערשטען אוי-גענבליק און אנשטאט דעם חתן, קלויבט זי אויס דעם געוועזענעם אַרעס-טאַנט און ס'ענדיגט זיך מיט: „העפּפּי-ענד"...

* *

דאס איז מעהר-ווייניגער דער סיו-זשעט פון דער פּיעסע. אָבער נישט דאס איז דאס וויכטיגסטע. וויכטיג איז דאָס, וואס אין דער אָפּערעטע האט איהר אַלץ, וואָס איהר ווילט נאָר פון כל-טוב און דער עיקר: האַרציגע מוזיק און געזאַנג-נומערן; שעהנע דעקאָראַצ-יעס, וואָס מאכען א גוטען איינדרוק; לייטישע קאָסטיומען, ענטשפּרעכענד צוגעפּאַסט צו די ראָלען; דראַמאַטישע מאָמענטען, ביי וועלכע אַ טייל עולם ווישט דיסקרעט אַ טרעהר; קאָמישע סיטואַציעס, פון וועלכע דאס פּובליקום לאַכט האַרציג און איז צופרידען.

פאַר'ן פונאַנדערריקען זיך פון דער קורטינע, ביים אַריינפיהר פון דער פאַרשטעלונג, עמפּאַנגט אונז דער אָר-קעסטער, אָנגעפיהרט דורכ'ן טאַלאַנט-פולען פידלער ה' איגנאַצי אַגורעק ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון דער יונגיטשקער, אָבער זעהר פעהיגער פּיאַניסטין פּרל. פאַניא כאַש, מיט שטימונגספולער רו-סישער מוזיק. מען מוז צוגעבען, אַז די מוזיק, אויב זי קלאַפּט גוט, שפּילט אַ גרויסע ראָל ביי אָפּערעטען. דאס ליעד ווערט גאָר אַנדערש געזונגען. דער אַרטיסט מיט'ן מוזיקער מוזען זיך גע-גענזייטיג קענען און פערשטעהן, אַז נישט ווערט דער אַרטיסט דענערווירט און די גאַנצע מיה און אַרבייט געהט קאַפּוט. אין דעם געגעבענעם פאַל, נעהט עס צו אין בעסטען אָרדנונג.

יוסף חאָש, אלס מישא, פיהרט אויס זיין ראָל סיי אלס קאַבאַרעט-זינגער און טענצער און סיי אלס אַרעסטאַנט, קאָנקורענצלאָז. ער קעהרט ווענדען אלס טענצער און אין א מינוט אַרום שפּילט ער שוין מיט האַרץ און נשמה אלס אַרעסטאַנט. אָט אין די דאָזיגע ניואַנסען—ענטפּלעקט זיך פאַר אונז זיין גאַנצער טאַלאַנט. קדיש, ווי שטענ-דיג, זעהר גוט אין זיין כאַראַקטער-ראָל. נחמה, אלס מילדרעד, האט גע-זינגען און געבאַלעוועט ווי אַנ'אַמערי-קאַנער מיליאָנערשע. מאַדאַם ליפּאָוו-סקא האט געשאַפען א פּרעכטיגען טיפּ פון א מאָדערנער באַבעניו. זי שפּילט זעהר גוט און ראַפינירט. יעדע בעווע-גונג איז דורכגעטראַכט. דאס רעפּער-טער-פּאָרל: אברהם גראָדנער און גאָ-לאָ-אידא האבען אונז אנגענעהם אי-בערראַשט. ער האט געגעבען דעם טי-פּישען אַמעריקאַנער רעפּאָרטער מיט בענרעניצטע מעגליכקייטען און זי—די צווייטע קאָפּיע. מען דאַרף צוגעבען, אז גאָלאָ אידא אלס אָנפאַנגערין איז געוועזן נישט שלעכט. זי דאַרף אָבער נאָך פיעל אַרבייטען איבער זיך, כדי צו פערפאָלקאָמען דאס, וואס ס'איז איהר נויטיג, ווי: דיקציע, לייכטקייט, ניואַנס און מאָדולאַציעס פון אינטאָ-נאַציעס. ראַבין, אלס פאָטער—זעהר גוט. די איבריגע אַרטיסטען: אידינא, פרל. רייכער, אָרליוק, קוזניעצאָוו און אונזער בן-עיר ש. פראַנק, וועלכער האט געשפּילט אָלס אַדוואָקאָט, האט זיך גאַנץ גוט אריינגעפּאַסט אין זיין ראָל ווי געהעריג אויסגעפיהרט.

אינ'ם „לעצטען טאַנץ" געפינט זיך א שפע פון געזאַנג-נומערן. דער עולם איז צופרידען סיי פון שפּילען, סיי פון דער מוזיק און סיי פון די עסטעטישע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס. דער קאַבאַרעט אויף דער ביהנע מאכט דעם געהעריגען איינדרוק. די אָפּערעטע פּערמאָגט אלע מאָמענטען, וואס גיט די גאַראַנטיע, אז דאס זאָל זיך האַל-טען אויף די ברעטער א לענגערע צייט און געשפּילט ווערען מיט גרויס ערפאָלג.

מ. קויפמאַן

אַרום דער פעראייניגונג פון די קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציעס.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, זענען לעצטענס פעראייניגט געוואָרען ביידע קליינהענדלער - אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געהען אַרונטער אונטער דער צענטראַלע אין ווארשא. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אין אייגענעם לאָקאַל, ווארשאווער 21, פארגעקומען די ליקווידיר-פערזאַמלונג פון קליינהענדלער-פעראיין, צו וועלכער ס'זענען געקומען אַנ'ערך 100 מיטגלידער.

דעם פאָרזיץ האט געפיהרט ה' יצחק דאַנקאָוויטש, סעקרעטאַר — ה' יעקב מאַרקאָוויטש.

דער ערשטער רעדט ה' אַדאָלף עפּשטיין, וועלכער בעריהרט די שנאת חינם, וואס האט געהערשט ביז איצט ביי די קליינהענדלער - מאַסען צוליעב זייער צושפּליטערטקייט, די אנגעהויערע וויכטיגקייט פון דער פעראייניגונג, נאכמעהר צוליעב דער טראַגישער לאַגע, אין וועלכער ס'געפינט זיך דאס יודישע קליינהענדלערטום און צום סוף לעגט ער פאָר צו אַקצעפּטירען דעם בעשלוס וועגען ליקווידירען דעם פעראיין.

איינשטימיג ווערט דער דאָזיגער פאָרשלאַג אַנגענומען.

עס נעמט דאַן א וואָרט פּרעזעס ראָזענבערג, וועלכער זאָגט, אַז ער, וועלכער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם פעראיין, האט איינגעזעהענדיג די נויטווענדיגקייט פון מאָמענט, דערפיהרט צו דער דאָזיגער פעראייניגונג און איז טאַקי היינט געקומען זיין אייגענעם פעראיין צו ליקווידירען. ער ווינשט די קליינהענדלער, אַז ס'זאָל בקרוב קומען דער מאָמענט, ווען מ'זאָל קענען ליקווידירען בכלל די יודישע קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציעס, ד. ה., אַז די יודישע קליינהענדלער זאָלען בעקומען בעסערע פּרנסות און דעם סטראַגאַן זאָל מען איבערלאָזען פאַר די, וועלכע יאָגען זיך אַזוי שטאַרק נאָך איהם...

ס'ווערט דאַן פאָרגעלעזען און אַקצעפּטירט די ליסטע פון פּראָוויזאָריום פון דער פעראייניגטער קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע, וואס בעשטעהט פון די ה"ה: אַדאָלף עפּשטיין, יצחק שטרויסבערג, דוד פּיליפּאָוויטש, מנשה יאַקובאָוויטש, חיים פרייערמויער, יחזקאל טאָפּאַר, מאיר אלטמאן, יצחק דאַנקאָוויטש, גדליה גליקסמאַן, צדוק פיינער און שמואל קרויזע.

ה' פרייערמוירער גיט איבער, אַז ס'איז געדינגען געוואָרען א נייער שעהנער לאָקאַל אויף אַגראַדאָווא גאַס, וואו יעדען טאָג וועט טעטיג זיין דער סעקרעטאַריאַט און ס'וועלען ערלעדיגט ווערען אַלע לויפענדע ענינים אָהן שום אָפּצאָהל. יעדער מיטגליד אָבער מוז זיין פערפליכטעט צו צאָהלען גאָרמאַל זיין ביישטייער, כדי צו דערהאַלטען די עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע.

אין זעלבען זין רעדט אויך ה' שטרויסבערג, וועלכער פאָדערט אויף מיט געמיינזאַמע כחות זיך צו שטעלען אין דינסט פון דער קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע.

היינט, מאָרגען און זונטאָג — „דער לעצטער טאַנץ".

פון די אַלע אויפגעפיהרטע ביז-איצט אָפּערעטען, איז „דער לעצטער טאַנץ", אָהן יעדען ספק, דער געלונגענסטער שלאַגער אין אַלע הינזיכטען.

אין דער אָפּערעטע געפינען זיך שעהנע מעלאָדיעס, הארציגע מוזיק, וואס דער עולם זינגט זיי דערנאָך און געדענקט א לאַנגע צייט; ספּעציעלע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס, וואס פערשאַפען דעם אויג גענוס; גוט-צוזאַמענגעשפּילטע אַרטיסטישע כחות, וואס פערשאַפען כבוד דער ביהנע און ועל כולם: ביי אונזער ליבער ווילנער חברה קלאַפּט אַלץ ווי געהעריג, אַזוי, אַז ס'איז פּשוט א נחת רוח צו פערברענגען אין טעאַטער צוויי שעה צייט.

„דער לעצטער טאַנץ" איז די וואָך געשפּילט געוואָרען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג און אַלע בעזוכער זענען אַרויס פון טעאַטער צופרידען פון דער הערליכער אָפּערעטע. כדי נאכצוקומען דעם פערלאַנג פון פּובליקום, האט די דירעקציע בעשלאָסען אויפצופיהרען נאָך דריי טעג די דאָזיגע זאַך, אום צו געבען די מעגליכקייט די אַלע, וועלכע האבען צוליב פערשידענע סיבות נאָך נישט געקענט זעהן „דעם לעצטען טאַנץ".

ס'איז דעריבער מעהר ווי זיכער, אַז די יודישע טעאַטער-ליבהאַבער וועלען אויסנוצען די געלעגענהייט און קומען זעהען דעם „לעצטען טאַנץ", וואס איז איינע פון די שענסטע אָפּערעטען ביים היינטיגען טאָג.

בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן, אַלעע 6 און פון 6 אָוונד ביי דער קאָסע פון פייערלעשער-זאַל.

אויף אַ געהיימניספולען אופן בעגנב'עט אַ שלעזישען סוחר.

קיין משענסטאכאָוו איז אַנגעקומען פון אויבערשלעזיען א פערמעגליכער סוחר, וועלכער האט געשלאָסען קאָנטשאַפט מיט די היגע איינוואוינער ראַכוואַל, סטאַוויערסקי, מערדאַ און ראָזענצווייג.

די דאָזיגע גאַנצע געזעלשאַפט האט גענומען בעזוכען די היגע רעסטאָראַנען, טרינקענדיג פיעל בראַנפען אויפ'ן חשבון פון דעם גאַסט. אין אָוונד האט ווידער די געזעלשאַפט זיך צונויפגעטראָפען אויפ'ן וואָקזאַל און ביים בופעט אויסגעטרינקען פיעל בראַנפען.

די אויפפיהרונג פון דעם גאַנצען געזינדעל האט זיך אַרויסגעוויזען פערדעכטיג די פּאָליציי-אַגענטען, איבערהויפּט, אַז דער שלעזישער סוחר איז געוועזען עהנליך צו א בעקאַנטען קאָסע-ברעכער. בעת אַנ'אַלגעמיינער אַבלאַווע איז מען דעריבער צוגעטרעטען אויסצולעגיטימירען אַלע פערזאַמעלטע.

דער שלעזישער גאַסט האט זיך שטאַרק אויפגעבראַכט צוליב'ן איבעררייסען די „אַנגענעהמע" אַרבייט ביים בופעט און זיך בעקלאָגט אויף דעם אונבעגרינדעטען חשד. דערביי האט ער גאַראַנטירט פאַר דער אָרענטליכקייט פון זיינע מיטטרינקער.

אינ'ם קאָמיסאַריאַט האט דער סוחר אָבער פעסטגעשטעלט, אַז ס'פעהלט איהם א גרעסערע סומע געלד, וועלכע ער האט איבערהויפּט נישט אויסגעגעבען.

די פּאָליציי האט אונטערגענומען אַנ'אויספאָרשונג, כדי צו געפונען די 1.000 זלאָטעס, וואס זענען אויף א געהיימניספולען אופן פערשוואונדען און דער געזעלשאַפט פון ראַכוואַל, מערדאַ, סטאַוויערסקי און ראָזענצווייג, וועלכע זענען פאָרלויפיג איינגעזעצט געוואָרען אין אַרעסט.

בעסטיאַלישער מאָרד אין קאָנאָפּיסק.

פערג. מאָנטאַג האט זיך אין דאָרף קאָנאָפּיסק, גמינע דזשבוב, אָבגעשפּילט א בלוטיגע פּאַסירונג אין דער וואוינונג פון איינעם פון די דאָרטיגע פּויערים.

דער בעקאַנטער פּראָפעסיאָנעלער שמוגלער ביראַל האט נאָך א קריגעריי צוליב פערמעגענס-מיספערשטענדנישען זיך געוואָרפען אויף אַנטאָני טושעפּיוזראַ און מיט א מעסער איהם פערוואונדעט עטליכע מאָל. די וואונדען זענען געוועזען זעהר געפעהרליכע און דער קרבן איז אין עטליכע מינוט שפּעטער געשטאָרבען אין שרעקליכע יסורים.

אויפ'ן אָרט פון מאָרד איז אַראָבגעקומען דער אויספאָרשונגס-ריכטער באַגוצקי פון טשענסטאכאָוו. די דורכגעפיהרטע סעקציע האט פעסטגעשטעלט, אַז טושעפּיוזראַ איז געשטאָרבען צוליב'ן אָבפלוס פון בלוט פון די וואונדען אין דער פּלייצע.

דער בעסטיאַלישער מערדער איז נאָכ'ן אויספיהרען זיין בלוטיגען טהאַט אַנטלאָפען און ס'איז איהם ביז-איצט נישט געלונגען צו פערהאַלטען. די פּאָליציי איז אָבער שוין געפאַלען אויף זיינע שפּורען.

פערטיילונגס - פונקטען פאַר אַרבייטסלאָזע.

דער שטאָדטישער הילף - קאָמיטעט האט איינגעאָרדענט נאָך צוויי פערטיילונגס-פונקטען פאַר אַרבייטסלאָזע. די נייע פונקטען געפינען זיך אויפ'ן אַלטען מאַרק און אויף אָכטאָסני גראַש.

בעגנב'עט אַ שוועסטער און ענטלאָפען מיט'ן חתן.

פעליקס קיטשאַק האט געמאָלדען דער פּאָליציי, אַז זיין 20-יעהריגע טאָכטער לעאָקאַדיאַ האט צוגעגנב'עט דער שוועסטער גענאָוועפאַ 100 זלאָטעס און ענטלאָפען צוזאַמען מיט'ן חתן סטעפאַן זעמביק. דאס ראָמאַנטישע פּאָרל ווערט געזוכט דורך דער פּאָליציי.

לייכטאַטלעטיק אין „מכבי".

וועלענדיג זיי געהעריג צוגרייטען איהרע לייכטאַטלעטישע סעקציעס צום היירינגען סעזאָן, האט „מכבי" שוין איצט אַנגעהויבען די טרעניגען פון דער יוגענד, וואס גרייטען זיי צו צום שענסטען פון אַלע ספּאָרטען.

די טרעניגנגען ווערען געפיהרט צוויי מאָל וועכענטליך אויפ'ן זאַל דורך א קוואַליפיצירטען אינסטרוקטאָר, אַנטיילנעמער פון דער צווייטער מכבי'אַדע, ה' רייך.

די גרויסע צאָהל טרענירער בעווייזט, אַז דער היירינגער לייכטאַטלעטישער סעזאָן וועט זיין זיכער א לעבהאַפטער און מיר וועלען האבען די מעגליכקייט צו זעהען עטליכע שעהנע לייכטאַטלעטישע אימפּרעזען, איינגעאָרדענט דורך „מכבי".

ווייטערדיגע איינשרייבונגען פון מענער און פרויען אין דער לייכטאַטלעטישער סעקציע, ווי אויך אַלערליי אינפאָרמאַציעס וועגען טרעניגנגען ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון „מכבי", קאָטעדראַלנא 13.

גאַנץ טשענסטאכאָוו טרעפט זיך היינט פרייטאָג און מאָרגען שבת אין פייערלעשער - זאַל אויף

דער לעצטער טאַנץ.

בעלגישער מאַנסטער געפאַלען טויט אויפ'ן אָרט שטעהענדיג ביי דער אַרבייט.

עהרגעכטען נאכמיטאָג איז אין דער עלעקטראָווניע אויף מיראָווסקא גאַס אין זאָוואָדזיע געשעהן אַנ'אומגליקליכער פאַרפאַל, וועלכער האט פערוואורזאַכט דעם טויט פון 50-יעהריגען טעכנישען לייטער סואַי דע-ווריענדט, פון בעלגיען.

דער עלעקטראָמאָנטער איז זייט עטליכע וואָכען געוועזען בעשעפטיגט ביים איבעראַרבייטען א מאָוועל מיט 6.000 וואָלט און שטעהענדיג אויף א בעטאָנפאַדלאָגע אונפאָרזיכטיג צוגעריהרט מיט דער האַנד צו דער אייזערנער קאָנסטרוקציע און צו די דראָטען. דער שטראָם איז געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז געבליבען טויט אויפ'ן אָרט. דער פאַרפאַל האט געמאַכט אַנ'ערשיטערענדען איינדרוק.

אויפ'ן אָרט פון טראַגישען פאַרפאַל זענען אָנגעקומען פאָרשטעהער פון דער מאַכט און אונטערגענומען אַנ'אויספאָרשונג.

1000-טער מענשען האבען שוין בעוואונדערט דעם שלאַגער

דער לעצטער טאַנץ.

דאס איבערבויען דעם ראַטהויז.

בעת דער פּרעסע קאָנפערענץ, וואס איז פאָרגעקומען מיט עטליכע טעג צוריק ביים שטאָדט פּרעזידענט שטשאָדראָווסקי איז געוועזען דערמאָנט וועגען פּלאָן איבערצובויען דאס ראַטהויז, וואס לאָזט זיך פיעל צו ווינשען.

איצט ווערט מיטגעטיילט, אַז דער קאָנקורס אויף איבערצובויען דאס ראַטהויז וועט פערעפענטליכט ווערען ערשט אויף הערבסט.

דאס ראַטהויז איז געבויט געוואָרען מיט אַנ'ערך 100 יאָהר צוריק. נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק האט זיך אין א טייל פונ'ם דאָזיגען בנין געפונען די תפיסה, וועלכער איז איבערגעטראָגען געוואָרען קיין זאַוואָדזיע.

אינ'ם פּראָיעקט פון איבערבויען דאס ראַטהויז איז צווישען אַנדערע פאָרגעזעהען דאס בעזייטיגען פון דאָרט דאס שטאָדטישע נאַכטלעגער הויז.

די 3-שטאָקיגע אָפּיצינע, אין וועלכער ס'געפונען זיך די ביוראָס פון די אַדמיניסטראַציע-אַבטיילונגען — וועט מסתמא בלייבען אָהן ענדערונג.

מרכז דתי-תרבותי ע"י ביהכ"נ החדש

יודאַאיסטישער אינסטיטוט ביי דער נייער שוהל.

שבת פ' תצוה (20.2.37) 3 אַ זייגער נאכמ. **מסבת עונג - שבת**

הרב ד"ר ח. ז. הירשבערג: פרשת זכור. איינטריט פריי.

ביבליאָטעק און לעזע זאַל זענען טעטיג: יעדען טאָג פון 7—10 אָוועגד. שבת און זונטאָג פון 6—10 אָוועגד. פרייטאָג צו נאַכטס איז די ביבליאָטעק געשלאָסען. דער לעזע זאַל איז פערזעהען מיט צייטונגען אין העבּרעאישער, יודישער און פּוילישער שפּראַך. איינטריט פריי.

זונטאָג, ד. 21 פעברואַר ד. י. 3 נאכמיטאג

קומט פאָר אין לאָקאַל פון „מכבי"

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון באַנק ספּולדזיעלטשי אין ווילען.

טאָג-אָרדנונג — אין די צוגעשיקטע איינלאַדונגען.

שבת, ד. 27 ד. ח. 10 אָוועגד קומט פאָר אין פייערלעשער-זאַל

דער יעהרליכער „טאַז"-באַל

איינגאַנג נור 1.99

איינלאַדונגען שיקט אַרויס דער „טאַז"-סעקרעטאַריאַט, יאַסעלעוויטשא 3, טעל. 17-56.

Losy w nielicznej ilości do nabycia.

„TRIOKONG"

Zakłady Przemysłu Radiowego

Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel. 10-99

Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki

COLUMBUS 937

3 lampy z 4 prostownicą

LECH

2 lampy z 3 prostownicą



wszelkie informacje i demonstracje w firmie

N. TAJCHNER

Częstochowa, Aleja 14

tel. 17-91

KINO „EDEN".

די פאַסצינירענדע אַרטיסטין און זינגערין

מאַרטאַ עגערט--קעפּוראַ

ענטציקט אינ'ם רייצענדען ווינער פילם

Gdy serce przemówi...

מוזיקאַלישע ווינער שלאַגער - קאָמעדיע.

אויסגעצייכענטער איבער'ן פּראָגראַם

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

וואולקאַן פון הומאָר!

רוסישע לידער!

Ginger Rogers

אין דער הערליכער קאָמעדיע

„ROBERTA"

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען.

לאָזט נישט אַדורך די געלעגענהייט!

1 מאָל אין לעבען קאָן מען האבען די געלעגענהייט צו זעהען אַזאַ הערליכע אָפּערעטע, ווי ס'איז

דער לעצטער טאַנץ.

Kino „LUNA"

דער גרעסטער שפּיאָנאַזש-פילם!

SUZY

אין די הויפּט-ראָלען:

זשאַן האַרלאָוו, קאַרי גראַנט א. א.

איבער'ן פּראָגראַם: די קעניגען פון הומאָר

פליפ און פלאָפּ

אין דער קאָמעדיע די ליעבע פאַמיליע.

פון מאָנטאַג יעדען טאָג צו 1 מיטאָג-סעאַנס — פּאָפּולערע פּרייזען

לויט ה. ג. וועלס. **ROK 2000**

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6